STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05534

IN VEG

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין וועג

זאַמעלבוך

(פּאָעזי און פּראָזע)

יקיר ראָגאָטשעווסקי
יהודה גוז-ריווקין
קלאַרא ליבערמאַן

ניו יאָרק
1918

צום דיכטער

ניט שטעל זיך אב אין וועג,
אויב לאנג ער איז און שווער:
ניט לאז זיך צו צום הארץ,
אויב ס'לאכט פון דיר דארט ווער!

ניט שרעק זיך פאר קיין זאך!
ניט פאל אראפ ביי זיך,
ווען ס'איז דער טרוים נאך ווייט
און קומט ניט אזוי גיך!...

ניט הער זיך צו צו, די,
וואס לאכען פון דיין דראנג —
לאז הערען איבעראל
דיין פרייען ליעדער־קלאנג!...

ס'וועט קומען דאך דער טאג,
ווען לערנען וועלען זיי,
ווי הייליג ס'איז דער שמארץ
און טיעף — דעם דיכטער'ס וועה!..

יקיר ראגאטשעווסקי.

צום וואַנדערער

און ביז דיין לעצטען טאָג וועסט וואַנדערען דו מיעד
אויף וועגען — שווער און לאַנג, וואָס ציהען זיך אָהן עק —
און אומעטום אומזיסט אַנ׳אָבדאַך זוכען וועסט
און ערגעץ־וואו אַנ׳אָרט, — באַהאַלטען זיך פון שרעק!...

און וויים, דו קענסט ניט לאַנג אויף איין אָרט בלייבען שטעהן,
און רוהסטו אָפּ אַמאָל, און ס׳שטילט זיך איין דער וועה —
דיך טרייבען וועט אַ קראַפּט און ווייטער ציהען דיך:—
„ניט בלייבען זאָלסטו דאָ — אין וועג אין ווייטען געה!“...

עס איז דיין מזל שוין פון קינדהייט נאָך באַשטימט,
און פון דער מאַמעס־בויך פאַרשאָלטען ביזטו, קינד —
אַז קיינמאָל שוין וועסטו ניט וויסען גליק און פרייד,
און אייביג ברויזען וועט אין זעעל אַ שטורעם־ווינט!...

און וועט דיך מאַניען ווען אַ פייער־טורם אין וועג —
און וועלען וועסטו דאָרט זיך שיצען פון דער קעלט, —
וועט זיין אומזיסט דיין מיה: — וועסט לאַנג ניט בלייבען דאָרט
און מיט׳ן וואַנדער־שטאָק זיך לאָזען אין דער וועלט!...

טאָ שטעל ניט אָב זיך, פריינד, און געה זיך דיר דיין וועג —
ניט קוק זיך אום צוריק, אויב ס׳ציהט דיך אין דיין לאַנד:—
פאַרשאָלטען ביזטו שוין פון מוטער׳ס בויך אַזוי,
אַז אייביג זאָלסטו געהן און בלאָנדזשען נאָכאַנאַנד!...

צו אַ יונגען פריינד

עס האָט פון ווייטענס זיך דיין קול צו מיר דערטראָגען,
ווי ווייטער ים־אַקקאָרד, ווי שטילער שטורעם־דראַנג —
און אָבגעקלינגען האָט אין הארצען טיעף ביי מיר
דיין גרויסע פיין און לייד, נשמה׳ס ווידוי־קלאַנג...

ווי אָדלער׳ס שטאָלצע שטים, וואָס רייסט זיך פון דער שטייג,
האָט מיך גערירט דיין וועה, דאָס צאַפּלען פון דיין הארץ
און אָנגעפילט האָט זיך מיין קראַנקע ברוסט און זעעל
מיט זיסען טעם פון באַנג, פון אייביג טיעפען שמארץ...

דו האָסט דערצעהלט מיר, פריינד, ווי ס׳האָט אַ שטורעם־ווינט
צוּבראָכען דיר דיין היים — צעשטערט דיין רוה און פרייד —
און האָסט דערפילט אַ טעם, אַ פונק פון מיטגעפיהל
און ליעבע צו דער וועלט, צו מענשענס נויט און לייד...

טאָ וויל איך גריסען היינט דעם הייליג־גרויסען טאָג,
ווען ס׳האָט אַ פונק פון גאָט דיין יונגעם הארץ באַריהרט;
פאַרלאָז־זשע, פריינד, דיין היים און לאָז זיך געהן אין וועלט,
פון ליעבע׳ס צאַרטער האַנד אין שווערען וועג געפיהרט!...

און שפּראָצט אין זעעל אַ טרוים, באַהאַלט זיך ניט מיט איהם,
און טליעט אויף אַ פונק — ניט בלייב ביי זיך אין צעלט! —
צובלאָז איהם מיט דיין גייסט, און טראָג איהם שנעל אַוועק
צו די, וואָס ליידען פיעל אין אונזער גרויסער וועלט!...

דיכטער

געזינגען האָט אימער פון זון־שיין און גליק ער,
און פריהלינג געוועזן איז זיין אייביגער טרוים ;
און איינגעהערט זיך אין׳ם שפיעלען פון כוואַליעס,
וואָס לעקען די פעלזען מיט ברויזענדער שוים...

געליעבט האָט ער אייביג די טיעפקייט פון הימלען,
דאָס זילבערנע שווייגען פון לבנה ביי־נאַכט:—
פון שאָטענס די קיהלע אין מוטער־נאַכט טיעפער,
פון זאַמדיגער ווייט אין דער מדבר געטראַכט...

געוואַנדערט זיין גייסט האָט אין ענדלאָזע סטעפּעס,
און ימ׳ען די טיעפסטע דערגרייכט האָט זיין בליק ;
געזוכט האָט ער אייביג און וואָס־זשע געפינען —
צו האָט ער כאָטש איינמאָל געגאָסען פון גליק ? !

פון בלומען געטרוימט האָט ער, שמעקענדע, פרישע,
באַזינגען דאָס שפיעלען פון וואַסער און ליכט —
און אויסגעהויכט שטיל האָט זיין אָטהעם דער דיכטער
און בלוטלאָז, און בלייך איז געוועזן זיין געזיכט...

געהערשט אין זיין הארצען האָט אייביגער פריהלינג,
ווען אַלעס אַרום פלעגט זיך קאָרטשען פאַר קעלט —
און איינע נאָך איינע געזינגען די ליעדער
פון אייביגער ליעבע און גליק אויף דער וועלט...

זי...

זי קומט צוגעהן אַמאָל
אין שעהנער זומער־נאַכט,
ווען ס׳שלאָפען באַרג און טהאָל
און ס׳שטעהט דער וואַלד פאַרטראַכט. —
זי פיהרט מיך שטיל אַוועק
אין לאַנד פון טרוים און רוה,
וואו ס׳איז דער הימעל בלאָה
און ווייט איז פיין און שרעק,
זי קושט מיך צאַרט און ריין
און שטיל פאַרטרויט זי מיר:
דו ביזט אַ ריטער שעהן
און ס׳ליעבט אַ מלכה דיך...

אין טיעפען הערבסט אַמאָל,
ווען ס׳טראָגט דער קאַלטער ווינט
זיך איבער באַרג און טהאָל
און טרייבט אַ וואָלקען שנעל
און יאָגט אַ בלאַט געשווינד,
און ס׳קלאָגט זיין טרויער־ליעד;
און שרעק באַהערשט מיין זעעל,
און כ׳פיהל מיך קראַנק און מיעד, —
דאַן קומט זי שטיל אַריין
און טרייסט מיך קינדעריש־צאַרט:
ניט אייביג קאַלט וועט זיין —
עס קומט דיין פריהלינג — וואַרט!...

און ווערט מיר ענג אין הויז,
ווען ס׳בייגקט מיין זעעל און גאַרט;
און כ׳לויף אין גאַס אַרויס,
וואו אַלעס רוישט און לאַכט;
עס ווילט זיך ליעבע, גליק,
עס ווילט זיך זונען־שיין, —
פאַרצעהלט מיר דאַן איהר בליק
פון עלענד, נויט און פיין
און רופט מיך שטום צום אָרט,
וואו ס׳קומט דאָס גליק קיינמאָל,
און ס׳שמאַכטען שקלאַפען דאָרט
אין גרויסען יאָמער־טהאָל...

אין דער וועלט פון שאָטענס

געבלאָנדזשעט האָב עלענד איך לאַנג,
ווי אַ יתום אין וועג פון דעם לעבען;
וואו פרעמד איז געוועזען מיר אַלעס —
און פרעמד בין געוועזן איך צו יעדען;
און איינזאַם געוואַנדערט אין וועלטען,
וואו ס׳ווייסען קיין גליק ניט די מענשען,
וואו ס׳הערט זיך אַ אייביגעם קרעכצען
און ס׳דרעהען זיך שאָטענס אום שטומע:
די הילפלאָזע שקלאַפען אָהן גלויבען,
וואָס קיינמאָל חלומות ניט וועבען,
וואָס קריכען אַרום אין די גריבער,
ווי ווערים אין שטינקענדע זומפען.

*

געשיינט האָט אין הימעל די זון העל
און וועלטען באַגאָסען מיט ליכט-שטראָם ;
געפינקעלט האָט אַלץ און געפרעהט זיך,
נאָר איך בין געווען צווישען שאָטענס
און בלינד צו דעם זון-שטראַהל געוועזען
און טויב צו די טענער פון הימלען ;
געזינגען צו גאָט האָבען שירה,
גערופען ווייט-ווייט האָבען וועלטען —
נאָר איך האָב געשוויגען — אַנ׳עקשן,
געדריקט מיינע פויסטען אין אָנמאַכט.
געקריצט מיט די צייהנער פאַר צאָרען
און קללות דער וועלט האָב געשיקט איך...

*

געהאַסט האָב איך אַלץ, וואָס איז לעבען,
געקניעט פאַר דעם, וואָס געהט אונטער,
דעם טאָג בין אַ פיינט איך געוואָרען,
געליעבט נאָר די נאַכט פאַר איהר שווייגען ;
און פלעגט ערגיץ זינגען אַ פויגעל,
זיין שונא בין איך דאַן געוועזען,
דערפאַר, וואָס ער האָט מיט זיין ליעדעל
צושטערט מיר די נאַכט מיט איהר שטילקייט;
ווייל זון-שיין געווען איז מיר עקעל,
די בלאָהקייט פון הימעל — אַ גהינום,
מיין פאָהן האָב באַפאַרבט איך מיט שוואַרצען,
באַפוצט מיט אַ שאַרבען אַ טוידטען...

*

אַנטלאָפען בין איך פון דעם לעבען
אַהין צו די פוילענדע קברים
צוזאַמען מיט זיי זיך געגריבעלט,
געבויט אין דער פינסטער די וועלטען —
די וועלטען אָהן טהוי און אָהן שטראַלען,
די וועלטען פון שאָטענס, וואָס שווייגען;
מיר האָבען אַ גאָט זיך באַשאַפען,
וואָס ליעבט נאָר דאָס אַלעס, וואָס טוידט איז,
און האָבען אַ תורה געשריבען,
וואָס לערענט נאָר ליידען און פוילען,
וואָס ווייסט נאָר פון האַסען און שעלטען
און רופט אָן פאַרברעכען דאָס קעמפפען...

*

און בלאָנדזשענדיג לאַנג צווישען שאָטענס,
בין זעלבסט איך אַ שאָטען געוואָרען,
וואָס ווייסט נאָר פון שווייגען און שטום-זיין
און האַסען די זון און געלעכטער;
און געהענדיג אום צווישען קברים,
וואו ס׳פוילען ביים לעבען די שקלאַפען —
האָב איך אויך געבויט זיך אַ קבר,
באַהאַלטען אין פינסטער פון שאָטען —
אַ בלינדער צו פאַרבען פון שענהייט,
אַ טויבער צום פליאַשקען פון ים׳ען,
אַ לייב-לאָזער שאָטען אָהן ליעבע,
אַ מות אין אַ וועלט נאָר פון טוידטע..

*

נאָר דו ביזט געקומען פון ווייטענס
און האָסט מיינע שאָטענס צוטריבען;
געמיינט האָב איך — פינסטער איז שעהנהייט —
האָסטו מיר געוויזען די זון־פראַכט,
געעפענט די אויגען האָסטו מיר
און האָסט מיך געלערענט צו זעהען:
די זון — ווען זי שווימט אינ׳ם בלאָה׳־ים,
די ערד, ווען זי באָדט זיך אין טאָג־ליכט;
געמיינט האָב איך — שווייגען איז הייליג —
האָסטו מיך געלערענט צו זינגען,
דאָס ברומען פון שטורעם באַגריסען
און שירה צו זאָגען מיט פויגעל...

*

צוטריבען האָסטו מיינע שאָטענס,
פאַרבלענדעט די אויגען מיט שטראַהלען;
און וויסט איז געוועזן אין מיין האַרצען —
פאַרזייהט האָסטו זאָמען דאָרט פרישע;
מיין האַסענדע זעעל האָסט דערקוויקט דו
מיט געטליכע טראָפּענס פון ליעבע —
און דאַן — מיך געלערענט צו האַסען
די שקלאַפען, וואָס דולדען און שווייגען —
און האָסט מיך געהייסען זיי רופען —
צו בויען אַ וועלט גאָר פון זון־שיין,
און כ׳האָב דיר געשוואָרען ביז אייביג
צו ליעבען, צו האָפען און וועקען...

צו די שקלאַפֿען...

געווען אַמאָל אַ צייט, ווען כ'האָב געליעבט אייך אַלע,
ווען ס'האָט מיין קראַנקע האַרץ געקלאַפּט פֿאַר גאָר די וועלט,
און ברויזען פלעגט אין זעעל אַ ים פון האָפנונגס-פריידען,
די ליעבע שטראָמען-ווייז אין ברוסט האָט דאַן געקוועלט...

איך האָב געגלויבט אין אייך, אין אַלע די, וואָס ליידען,
געמיינט, — איהר וועט פון טרוים ווי איך באַגייסטערט זיין,
און ס'וועט צוברענען זיך דער פונק ביי אייך אין האַרצען
און רופען אייך צום קאַמפף, ווי ס'וועקט צו לוסט דער וויין...

איך האָב געטרוימט—איהר וועט צוברעכען צוים און קייטען
צושטערען אין דעם האָם דעם גאַנצען יאָמער-טהאָל —
און האָב באַגעגענט בלויז דעם טעמפען בליק פון זאַטען
און רוקענס פון די קנעכט, געבויגען ווי אַמאָל...

האָב איך פאַרלאָזען אייך און בין אַוועקגעגאַנגען
און אויסגעוואַלגערט זיך אויף אַלע וועגען ווייט —
און אומעטום געזעהן — איהר זענט די זעלבע שקלאַפען,
און קנעכטען וועט איהר שוין ביז ענדע פון דער צייט...

איך האָב געטרוימט פון אייך — איז קיינער ניט געקומען,
און אומעטום אומזיסט האָב איך אויף אייך געוואַרט —
דערווייל האָט אויסגעברענט אין זעעל דאָס הייליג פייער —
און ס'איז מיין וועלט איצט פוסט און פינסטער, ווי די נאַכט...

אַצינד בין איך שוין מיעד — עס ווילט זיך מעהר ניט טרוימען,
און קום איך צווישען אייך — אַ פרעמדער בין איך דאָרט;
אַמאָל האָט אין מיין ברוסט אַ וואונדער-פלאַם געטליעט —
און איצט איז דאָרטען קאַלט, און ס'פעהלט דאָס כשוף-וואָרט!..

דער אָדלער

(פּאָעמע)

און אויב אין נעסטעלע וואַרעם איז,
פויגעלע קליינס,
און ווייך דיין געלעגערייל
אויסגעבעט איז
ביי דיין מאַמען אין שויס ;
אויב צאַרט שיקט די זון
איהרע שטראַהלען אַרויס —
און וואַרעמט, און צערטעלט דיך, קינד ;
און עס ברייננגט דיר צו טאָג
דיין טאַטע געטריי
פליגעלער, ווערים גענוג —
און רייסען זיך וויל
פון הערצעל אַצינד
אַ ליעדעלע, פרעהליך און פריי,
וואָס אָבקלינגען זאָל
אין וואַלד-פריש און קיהל —
זינג, פויגעלע שטיל !...
לאָז שאַלען דאָס ליעד —
דאָס ליעדעל פון פריהלינג און גליק —
נאָר הויב ניט דאָס קעפּעל
אַרויף !...

קוק ניט אַהין —
אין פאַרנעבעלטען הויך,
וואו די פויגעל נאָר שטאָלצע
זיך ציהען! —
וואו עס הערט זיך אַרום
נאָר דער אַדלער-געשריי...

מקנא ביזטו, —
אין דער הויך ווילסטו פליהען
ווי זיי ?!...
צו־וואָס זשע, אַי ווער
זאָלסטו שעלטען דעם טאָג,
ווען צום ערשטען דערזעהען
דעם אָדלער האָסטו
אין זיין הויך ?!...

שטאָלץ איז זיין בליק...
פריי פליהט ער דאָרט
מיט די ווינטען באַגלייך,
אין דער הויך —
זיי ניט מקנא זיין גליק,
ווען ער פליהט, —
צי ווייסטו פאַרוואָס? —
ער ברענט דאָך פון דאָרשט
נאָך דער זון...
וויל ניט מיט איהם:
אייביג שוין וואַנדערט ער דאָרט
און איינזאַם אַליין
זיך בלאָנדזשען אין וועלט
און זוכען אין קלאָג
דעם נעכטיגען טאָג —
צו וועט ער געפינען זיין גליק ?...

הויך פליהט ער גיך
אין די כמאַרעס אַרום
און הויבט העכער זיך
צו דער בלאָה,

וואו אייביג איז וואַרעם און רוה —
נײן, יונגעס קינד: —
קאַלט איז דאָרט שטאַרק
און אַ אייביגער ווינט
וואָס העכער פון ד׳ערד
און נאָהענט ער איז
צו דער זון —
ווערט קעלטער איהם דאָרט, —
ווייל קיינמאָל פון זון
דערגרייכען וועט ער שוין דאָס אָרט
און ווייסט אויך קיין גליק
פון דער ערד...

שטאָלץ הילכט זיין שטים
פון הימעל אַראָב
און דרינגט טיעף אַריין
אין דער גרוב —
און פייניגט דיין האַרץ
און וועקט דאָרט אַ ביינקשאַפט אַרוים —
און טיעף ווערט דיין שמאַרץ,
און דיין ליידענשאַפט גרוים...
הער זיך ניט צו
אין דיין רוה
צו זיין שטים,
ווען ער רופט, —
דאָס שיקט ער זיין פלוך
פון דער לופט —
דאָ — דער ערד
אין דער טיעף —

דאָרט — דעם הימעל און זון
אין דער בלאָה...
געשטראָפט איז ער אָרט: —
אַז אייביג שווין ביינקען
זאָל ער
ביי-טאָג און ביי-נאַכט
און אייביג געדענקען
דאָס גליק פון דער היים
און וועלען אויך פליהען
צום הימעל אַרויף, —
נאָר קיינמאָל ניט האָבען
קיין רוה און קיין אָרט
און בלאָנדזשען אַרום
אָהן אַ נעכטען — אָהן היינט
אָהן אַ אָנהויב און סוף —
און פרעמד זיין —
אונז — דאָ, און זיי — דאָרט...

וואָס איז ער פריער געווען ?! —
איך דערצעהל עס דיר —
באַלד: —
געזעסען אַמאָל
איז אין וואַרעמען נעסטעלע ער
דאָרט אין וואַלד...
זים פלעגט איהם מעשה׳לעך פיעל
זיין מאַמע פאַרצעהלען
פון טהאָל
און קושען זיין קעפּעלע
צאַרט

און ליעדעלאך זינגען
ביי־נאכט...
פרעהליך געשאלט
האבען ליעדער אין וואלד, —
פון פריהלינג געוועבט
און געזינגען...
נאר איינמאל — א ווארט —
איז א פינסטערע נאכט
און א שטורעם געוועזען —
א שרעק!...
דער הימעל באדעקט
האט מיט כמארעס זיך —
שווארץ,
און א דונער געוועקט
האט זיין הארץ,
און א שרעקליכער בליץ
האט באלויכטען דעם וואלד
און געשניטען די ערד,
ווי א שווערד,
פון אנהויב ביז עק...
און דער פויגעל, — געוועקט
פון א אדלער־געשריי
האט זיין קעפעל פון נעסט
אויסגעשטרעקט,
און אין נאכט טיעף געבליקט,
פול מיט אנגסטען און שרעק —
און ביים פלוצליכען שיין
האט א אדלער דערזעהן ער

אין וואָלקען אַריין —
און דערזעהען זיין בליק,
ווי אַ בליץ,
און א דונער דערהערט
זיין געשריי :—
און פאַרלאָרען די נאַכט
האָט ער אַלץ :
אי די רוה, און דאָס גליק,
און זיין נעסט...

און צומאָרגענס, גאַנץ פריה,
האָט זיין מאַמע ערוואַכט
און דאָס פויגעלע האַלזען געוואָלט —
און געוואָלט האָט זי — צאַרט —
אויך ווי נעכטען ביי־נאַכט,
איהם זיין קעפּעלע קושען
מיט פרייד,
און ווי פריער — אויך היינט
איהם אַ ליעדעלע זינגען
פון גליק, —
נאָר מעהר ניט געזעהען
דאָס פויגעלע דאָרט
האָט איהר בליק —
די זאַך איז געשעהען —
און גאָט !
ווי איהר אומגליק איז גרויס ! —
צום אדלער פון שויס
איז ביי־נאַכט ער אַרויס,
פאַר׳מיאוסט דאָס נעסטעלע האָט —

און, — פאַרצויבערט פון הויך,
און פון ווייט — און פון בלאָה —
געהויבען פון נעסט האָט ער זיך —
און אין אויגענבליק גיך
צו דער זון
זיך געטראָגען האָט ער —
און אויף אייביג פאַרשווינדען
און הויך...

מיין עלענד

האַלבע נאַכט —
דעם הימעל איינגעהילט פון עק ביז עק
אַ בייזער שטורעם האָט
מיט שוואַרצער וואָלקען-דעק,
און טוידט געוועזען איז
די גאַנצע וועלט אַרום
אין אָרעמס פון דער נאַכט —
נאָר איך אין צימער
בין אַליין, אַליין געוועז
און שטום
געפרעגט מיין אַלטע פראַגע:
וואוהין? צו וואָס? —
נאָר כ'האָב, ווי אימער
דאָן פון קיינעם זיך קיין ענטפער ניט דערוואַרט —
און ס'איז דער עלענד
שווערער, ביטערער געוועז אין יענער נאַכט...
ווייט האָט אויסגעזעהן צו מיר
און פרעמד די גרויסע וועלט —
און כ'האָב דערמאָנט זיך אָן די אַלע פיעלע פריינד

וואָס בלאַנדזשען ערגיץ ווייט —
אין נעבעל איינגעהילט,
און כ׳האָב געפּיהלט —
זיי זענען פרעמד מיר היינט,
ווי נעכטען און ווי אימער...
כ׳האָב הילף פון זיי געוואַרט,
אויף טרייסט אַרויסגעקוקט —
האָב איך געהערט פון ווייט,
ווי ס׳רוישט געלעכטער־קלאַנג;
און ס׳האָט אין טיפער נאַכט
מיין בליק
די גרויסע פיין אין זיך אַריינגעזאַפּט
צוזאַמען מיט דעם קלאַנג
פון זייער פיצעל גליק...
און אויסגעדאַכט האָט מיר,
ווי ערגיץ אין דער נאַכט
אַ ריזען־בעטלער האָט
זיין טיפע וואונד פאַר אַלעמען געשטרעקט,
און ס׳האָט זיין בעטלער־צונג
רחמנות דאָרט געוועקט
פון נאַכט און שטיין...
און נישטיג, שוואַך און קליין
האָב איך דערפיהלט זיך דאַן —
אין צימערעל אַליין,
און טיעף אין ברוסט געוועזן איז גרוים דער וועה,
ווי עמיצער פון זיי
וואָלט מיט די פינגער אָנגעטייט אויף מיר,
גלייך, ווי ס׳וואָלט מיין ליידענדעס געזיכט

די שמחה זיי געשטערט
און כ׳וואָלט פאַר׳סמ׳ט מיט האַס
דאָס רייכע טיש-געריכט...

און פרעמד צו זיי געוועזען איז מיין פיין —
און טיעפער פונ׳ם ים — מיין האַרץ;
אַ רעטעניש פאַר זיי —
פון גרויסער וועלט דער טיעפער שמאַרץ...
און ווידער האָב איך דאַן,
ווי ביז אַהער דערפיהלט
דעם טעם פון עלענד-זיין
און איינזאַם געהן אין וועלט,
ווילד-פרעמד פאַר די, וואָס הייסען דיינע פריינד, —
וואָס ווייסען ניט דעם פיין,
וואָס שטורעמט אויף דיין צעלט,
וואָס רופען אַן קאַפריז, וואָס סמ׳ט דיין האַרץ אוועק,
און פרעסט דיין מאַרך מיט שרעק...
און האָב איך טרייסט געזוכט —
איז קאַלטען בליק פון זיי באַגעגענט האָב איך נאָר; —
און מיט געפיהל פון גאַל און ראַכע-לוסט
און וועה,
האָב איך געוואָלט זיך נוקם זיין אַן זיי,
און פון דער טיעף פון ברוסט,
וואו ס׳האָט ביז איצט
אַ ליעבע פלאַם געקוועלט —
פאַר גאַר די וועלט, —
האָב איך געטריבען אַלץ,
וואָס הייליגט די נשמה,
און קללות האָט געבוירען איצט

מיין זעעל פאַר כעס;
און, דורכגעזאַפּט מיט גיפט פון האַס,
און פייער פון נקמה —
האָב איך שיקען זיי געוואָלט,
ווי פיילען אין די הערצער, —
און פאַרגיפטען זיי דאָס בלוט און ברוסט
און מיאוס די וועלט זיי מאַכען;
איך האָב געוואָלט: —
פאַרברענען זאָל מיין כעס דעם לעבענס-לוסט
ביי זיי, —
און ווען זיי וועלען שרייען,
קאָרטשען זיך פאַר ווער —
און בויגען זיך אין דרייען —
און הילף ביי לייטען בעטען, —
זאָל איך דאַן פון זיי נאָר קענען שפּעטען,
און לאַכען שטאַרק אַזוי; —
דער לעבען זאָל זיי ווערען
שוואַרץ, און פוסט, און גרוי,
און לאַכען, לאַכען, לאַכען, —
איך זאָל מיט מיין געלעכטער אַלעס חרוב מאַכען...

נאָר, כ'האָב אין זיך דעם הייסען ראַכע-גלוט
דערשטיקט,
און אין נקמה
האָט געקאָרטשעט זיך מיין קראַנקע האַרץ,
געדריקט האָב איך די צייהנער שטייף,
צוביסען זיך ביז בלוט...

אונ געוועזן איז דאָס שוין די נחמה, —
וואָס אין מיין נקמה
בין איך אויך געבליעבען עלענד...
אונ ביטער טויזענדפאַך מיין ראַכע איז געוועזן
דורך גאַל אונ שפּאָט, —
ווייל אין מיין שווייגען בין איך גלייך געוועזן צו גאָט,
אַז קיינער זאָל ניט וויסען
פוּ די ליידען מיינע —
אונ ניט זעהן, —
ווי ס'נעהמט אַ ריז
נקמה פאַר זיין עלענד...

און עס וועט זיין...

און עס וועט זיין, אַז אַלעס וועט פאַריבער —
און געענדיגט וועט ער זיין, מיין קורצער שווערער וועג.
און אויסלעשען וועט זיך אין זעעל דער לעבענס-דראַנג
און פיבער,
און צום סוף וועט קומען ער, דער קאַלטער לעבענס-שרעק ;
און עס וועט זיין, ווען ענדיגען וועט זיך דער שטומער טאַנץ,
און קומען וועט דער אמת, — קאַלט און ציניש-נאַקעט, —
און אויסלעשען וועט זיך אין בליק דער לעצטער
לעבענס-גלאַנץ,
און ס'לעצטע מאָל וועל איך די וועלט און צאַרטע זון
באַגריסען, —
וועט שטיל, פון קיינעם ניט באַמערקט, אין צימער קומען די,
וואָס האָט פון אייביג אָן מיין טרוימען-ליעד געזינגען,
און צומאַכען וועט זי דאָס אויג, וואָס איז ניט מיעד געוועזן
צו גריסען וועלט און זון און לויטערען באַגינען...

און עס וועט זיין, אַז אַלעס וועט פאַריבער, —
און דער וועג, וואָס אויסגעטראָטען האָבען פריינד צום
קבר מיינעם,
וועט געדיכט באַוואַקסען זיין, — און נאָר אין הערבסט-
נאַכט טריבער
וועט אַהין דער בייזער ווינט פאַרבלאָנדזשען, וואָס
אימער איז און אייביג,
און האָבען וועט די וועלט פאַרגעסען לאַנג אָן דעם,
וואָס האָט געוואָלט זי פריי און גליקליך מאַכען, —
און געהן וועט זיך די וועלט איהר וועג, ווי פריער און
ווי נעכטען, —
און שיינען וועט די זון, און מענשען וועלען לאַכען, —

וועט קומען די, וואָס קיינמאָל ווייסט זי ניט פון גליק און רוה,
אין וועמעס אויגען ס'שפּיגעלט זיך דער גרויסער
וועלטען-וועה,
און קניענדיג, וועט זי אַ קראַנץ פון בלומען אויפ'ן קבר לייגען,
און אויסוויינען אויף שטיין איהר אייביג-טיעפע וועה...

און עס וועט זיין, אַז אַלעס וועט פאַריבער, —
און די קאַלטע הימלען וועלען איינזאַפּען אין זיך דעם
לעצטען מענשענ'ס בליק,
און אויסגעלאַשען וועט שוין זיין אויף תמיד יעדער
האָפנונגס-טרוים;
און ס'וועט ניט זיין שוין ווער, וואָס זינגען זאָל פון
צייט, און פרייד, און גליק,
און אויסגעהן וועט אין טיעפען וועלטען-רוים דער
לעצטער לעבענס-קלאַנג.
און שטיל וועט בלייבען אַלץ, און טיעף די וועלט פאַרטראַכט,
און גוסס'ען אין וואַלד וועט ערגיץ זיך אַ פויגעל'ס
ליעדער-קלאַנג,
און חשבון וועט די וועלט פאַר גאָט זיך נעהמען געבען,
ווי אַרבייטער פאַרנאַכט, —
וועט דאַן דער הימעל, קאַלט זיך ווייטער ציהען, ברייט,
און פריי, און טיעף,
און ים'ען וועלען רוישען, ווי אַמאָל אין זייער שטורעם-פיבער,
און די ווינטען וועלען, אייביג-ווייטע, אייביג-פרעמדע קלאָגען,
און דאָס וועט זיין, — ווען אַלעס וועט פאַריבער.

כ'האָב זיך גענאַרט

כ'האָב זיך גענאַרט מיט דיר —
געמיינט, ביזט מיר אַ פריינד;
אין אויג ביי דיר אַמאָל
האָב איך דערזעהן, עס שיינט, —

האָב איך געמיינט — עס טליהט
אַ פונק פון גאָט אין דיר
און וועסט שוין אייביג טריי
אין לעבענס-וועג זיין מיר;

און גליק מיר געבען, פרייד,
און כ'האָב געבענשט די שעה,
ווען כ'האָב באַגעגענט דיך
אין זאַנפטער אָווענד-רוה...

כ'האָב לאַנג געוואַרט, געזוכט —
אויף אַלע וועגען דיך;
און ווען עס האָט דיין ליפּ
אין שטיל געצערטעלט מיך, —

האָב איך געגלויבט, — דו פיהלסט
די ליידען פון מיין הארץ
מיין וועלט איז דיר באַקאַנט,
דער טרוים, די פרייד און שמאַרץ,

און ענדליך צו אַ ברעג
וועל פיהרען איך דאָס שיף;
אַזוי האָב איך געטרוימט, —
נאָר כ'האָב גענאַרט זיך טיעף!...

און בעסער שוין וואָלט איך
נאָך היינט פון דיר געדיינקט ;
כ'וואָלט אייביג דיך געוואָלט
און שטאַרק נאָך דיר געבייגקט, —

ווי ס'בייגקט אַ מענש אַהיים,
וואָס וואַנדערט נאָכאַנאַנד,
און האָפט נאָך ווען אַמאָל
צו קומען אין זיין לאַנד ;

אַזוי וואָלט איך זיך שטיל
געוואַנדערט אויף מיין וועג, —
און ס'וואָלטען זיך אין טרוים
פאַרגאַנגען מיינע טעג...

כ'האָב זיך גענאַרט, נאָר דאָך
געוויסט ניט בלויז אַ טרעהר,
נאָר אויך פון גליק און פרייד,
איין אויגענבליק, ניט מעהר.

אַ קליינע ביסעל פרייד,
איין טראָפען נאָר פון גליק,
נאָר ווייט איז עס אַזוי
און קומט שוין ניט צוריק...

און שפּעטער, ביי מיין טוידט,
וועל איך דערמאָנען זיך
אָן יענעם קורצען גליק —
און בענשען וועל איך דיך !...

פאַרשטויסען...

אונ אויב דער ים איז טיעף —
איין אָבגרונד איז דיין זעעל;
אונ אויב די מדבר-ברייט,
איז אָהן אַ סוף דיין בליק,
פאַר וואָס־זשע האָב איך ניט
דערטרינקען זיך אין איהם, —
וואָלט איך פאַרגעסען דאָן
די וועלט אונ זיך, אונ דיך?!...

— — — — — — — — — — — —

דו האָסט געקוקט אויף מיר,
דיין אויג — אַ שנעלער בליץ;
אונ האָסט גערעדט ניט לאַנג —
דיין וואָרט — אַ שאַרפע שפּיז:
ניט פיעל האָסטו געזאָגט,
נאָר סם איז עס געוועזן,
וואָס האָט געטויט מיין זעעל
אונ האָט פאַר'סמ'ט מיין האַרץ...
אונ כ'האָב געפיהלט — איך פאַל
אין דיינע אויגען דאָן
פון בלאָהען הימעל-הויך
אין שוואַרצען אָבגרונד טיעף...

— — — — — — — — — — — —

אונ אויב דעם שווערען טוידט,
וואָס ציהט זיך לאַנגזאַם נאָך,
רופט „שווידער" אָן דער מענש —
איז דיינע רייד געוועזן
נאָך ערגער טויזענד מאָל:
איך האָב געפיהלט אין זיי
דאָס ביטערניש פון טוידט

און ברענען פון דיין האַס ;
און האָב געפרעגט אין וועה,
פאַרוואָס באַשאַפען איז
דער שוואַכער מענש אַזוי,
זיין בליק זאָל גליטשען זיך
אין אויבערפלעכע, נאָר
אין דער נשמה טיעף
אַריינדרינגען קיינמאָל,
צו זעהן די וואונדען דאָרט ?!...

— — — — — — — — — — — —

אָ, וויסען ווען דו וואָלסט,
ווי שטאַרק כ'האָב דיך געליעבט
אין יענעם טאָג, ווען דו
אין כעס פאַרשטויסען האָסט
אַ טרייען שקלאַף און פריינד
און האָסט פאַרוואונדעט דאָן
אָהן מיטלייד איהם זיין האַרץ,
וואָס האָט געליעבט נאָר דיך. —
און האָסט געלאַכט פון איהם,
ווען ער האָט אָבגעבען
זיין לעבען דיר געוואָלט !...

— — — — — — — — — — — —

און בעסער וואָלט דיין בליק
צעשפאָלטען דאָן מיין ברוסט,
וואָלסטו דערזעהן אַ האַרץ,
וואָס קלאַפט פאַר דיר אַליין,
דו וואָלסט מיין זעעל דערפיהלט,
וואָס שווימט אין ים פון צער,
און שטיקט זיך דאָרט פאַר פיין —

און וואָלסט געווען פאַר איהר
אַ קוואַל פון זונען-שיין!...
אַ ניט, וואָלט איך שוין זיין
אַ שטומער שטיין אין פעלד,
און דו זאָלסט טרעטען בייז
מיט דיינע פיס אויף איהם,
וואָלט איך געלעגען שטיל;
כ׳וואָלט ניט געפיהלט דיין האַס
און ניט געטרינקען זיך
אין סם, וואָס זויגט מיין בלוט
און טוידט מיין האַרץ און זעעל!..

— — — — — — — — — — — —

מיין בענקשאַפט...

אַ גייסט פון טרייסט!
קום גיך אין צייט
און שטיל דעם שטורעם איין,
וואָס אין מיין ברוסט קומט פאָר!...
כ׳האָב לאַנג געוואַרט —
געמיינט, דו קומסט און באַלד —
אומזיסט, גענאַרט:
דו ביזט געוועזען ווייט —
און כ׳האָב געפיהלט:
דו ביזט מיר פרעמד און קאַלט...

און פול מיט באַנג,
בין איך געלאָפען ווילד
אין קאַלטען פעלד
און דאָרט גערופען דיך —
האָסטו געהערט דען מיך?
אָ, כ׳וויים,

דו קומסט צו מיר, און גיך,
ווייל דו אַליין נאָר — הערסט,
פאַרלעשען וועסט
דאָס פייער אין מיין הארץ;
אין דיינע אָרעמס נאָר
פאַרגעס איך אָן מיין שמאַרץ,
און אין דער אויגען-טיעף
דערטרינקען וועל מיין צער!...

אַ כמאַרעס, איהר,
וואָס לויפט אַזוי געשווינד,
יאָגט גיכער נאָך,
דערצעהלען איהר מיין פיין!...
נאָר לאַנגזאַם צו
איז אַייער טריט —
לויף דו, אָווינט!
אַ שטורעם זיי, אַ שנעלער בליץ,
און זאָג איהר אַלץ אצינד!...

און ניט מיט כעס
פון הויכען באַרג מיך וואַרף,
איך זאָל צוקלאַפּען זיך
אָן פעלזענ׳ס-שאַרף!...
צוזעץ מיין קאָפּ אָן שטיין,
דאָס פייער זאָל אַרויס!
צוריסען ווער, מיין ברוסט,
ווערט שטילער דאָן די לוסט?...
נאָר ניין, אָ ניין!
צו איהר איך וויל:
טאָ קום-זשע שנעל צו מיר

און ברייננ מיט זיך די טרייסט !...
דערצעהלען וועל איך דיר,
ווי ס'איז מיין בייגקשאַפט גרויס —
נאָר ניין, דו ווייסט:
פיעל טיעפער, ווי דער ים
און שטאַרקער נאָך פון סם...
נאָר איינמאָל זעהן —
און דאַן, אָ, האַס, פאַרשטוים,
ווייל דאַן מעג שטאַרבען איך,
נאָר וויסען, אַז
דו ביזט מיר טריי געווען !...

זינג דיין נגון, קינד!

(ק. ראַבינאָוויטש)

אין שטילער אווענד-צייט,
ווען לאַנגזאַם שווימט דיין ליעד
און ס'בלאָנדזשעט איינזאַם, ווייט
דיין בליק, פון זוכען מיעד,
אין טיעפען תהום פון צייט, —
וועל פאַלען דאַן איך, קינד
צו דיינע פים פאַרטראַכט,
פאַרגעסען אָן מיין צער
און בעטען שטום, פאַרשמאַכט,
ווי ס'בעט אַ שקלאַף פון האַר,
ווען חסד צו זיך וואַרט...

און אויב ענטציקט פון נאַכט
וועסט זינגען דו אַמאָל
און ס'וועט דיין נגון-פּראַכט
זיך טראָגען הויך און ווייט —
און גריסען באַרג און טהאָל

און פרעהען גאָט און לייט, —
ערלויבען זאָלסטו אויך
מיר הערען שטיל דיין ליעד,
וואָס קוויקט אי זעעל, אי גליעד,
ווייל כ'ווייס קיין אַנד'ער וועלט,
ווי טרעהרען, נויט און קעלט...

נאָר אויב אין נעבעל-תהום
וועט בלאַנדזשען וויים דיין בליק,
וואָס ווייסט קיין וואַנד און צוים, —
און זוכען דאָרט דאָס גליק;
אויב צווייפעל-פול און באַנג
און מיעד פון אַנגסט און שרעק
וועט צאַפּלען זיך דיין האַרץ
און ס'וועט דיין נגון-קלאַנג
פאַר'סמ'ן מיר מיין ברוסט
מיט גיפט פון ביינקשאַפט-שמאַרץ
און פיין פון ליעבע'ס-דורשט, —

דאַן ווייסטו וואָס איך וויל?
ערלויב מיר קניהען שטיל
און קישען נאָר דיין קלייד,
און הויב דיין בליק אויף מיר —
און כ'גיב דאַן אָב פאַר דיר
מיין קראַנקע זעעל, וואָס ביינקט;
און טרעטען מעגסטו, קינד
אויף מיר מיט דיינע פיס —
נאָר זינג דיין נגון שעהן,
וואָס איז, ווי ס'לעבען זיס,
און גוט, ווי גליק אַליין...

ווען הערצער רעדען

— גערדיינקסט ?
מיר זענען ביידע אין אַ װאַנד שטיל געזעסען,
ס'איז דונקעל שוין געווען,
נאָר ס'האָט אין ווינקעל
זיך אַ שטראַהל ערגיץ פאַרגעסען
און זיך איינגעהערט
ווי ס'קלאַפּען הערצער צוויי...
ווי אַ קוואַל
בין איך געוועזען פול,
געוואָלט דיר אַלעס זאָגען,
נאָר געזעהען — דו שווייגסט
און שטערען ניט געוואָלט...

גערדיינקסט ?...
האָסט מיר געזאָגט :
דו ליעבסט די שטילקייט, קינד...
ביזט ג'רעכט —
ווען ס'האַרץ איז פול,
איז בעסער שווייגען דאַן,
ווייל שווייגען שטיל
דאָס איז די שפּראַך פון גאָט ;
אויף איהר רעדט אויך דער וואַלד
אין האַלבער נאַכט,
ווען גאָט שפּאַצירט אין איהם ;
די שטערענדלעך
פאַרוויגען נאָר מיט שטילשווייגען די ערד...

— : כ'האָב לאַנג געקוקט

די אויגען דיינע — טיעף
אָהן אָנהויב און אָהן סוף...
און כ'האָב געזעהן,
ווי ס'ראַנגלען זיך
דאָס גליק מיט שרעק אין זיי —
דאָס גליק פון היינט
און שרעק פאַר מאָרגען-טאָג...
איך ווייס אַצינד: —
עס האָט געוואָלט דיין בליק
פון מיין נשמה-טיעף
אַרויסציהען אַ סוד —
דעם גורל פון דיין גליק...
און וואָס-זשע, קינד?...
ווער ווייסט דעם סוד פון האַרץ?!...
כ'האָב רעדען דאַן געוואָלט —
האָסטו עס ניט ערלויבט
און האָסט געשמייכעלט שטיל:
האָסטו געזעהן דאָרט גליק?!...

פון ווינקעל שטיל
פאַרשווינדען איז דער שטראַהל;
עס רוקען זיך די ווענט
אַלץ נעהענטער און שטום —
זיי נעהמען אונז אַרום...
עס ווערט אַנטשוויגען אַלץ
אין קליינעם צעלט —
און ס'רעדען הערצער נאָר...
ס'איז טוידט די וועלט —
און כ'בלייב מיט דיר אַליין...

אַבשייד

(געווידמעט חאַסי׳ן)

האַלזסט מיך, פריינד, און דריקסט מיך צאַרט און קושסט
צום לעצטען מאָל
און „זייַ־געזונד“ מיר זאָגט דיין בליק פון זועה און
שמערצען פול...

*

און טרויעריג־שטיל פאַרגעהט די נאַכט, און זעה,
ווי שנעל עס טאָגט —
פאַרלאָזט מיך באַלד — און טיעף אין ברוסט
עס צאַפּעלט ס׳האַרץ און נאָגט...

*

דו געהסט אַוועק און קיינמאָל מעהר איך זעה דיך
שוין ניט, — קינד —
נו, געה דיין וועג, און גליק מיט דיר ביז אייביג
פון אַצינד!...

*

און ווערסטו קראַנק אַמאָל אין וועג, פון גליק ענטווישט
און מיעד —
זאָל מאַכען שטאַרק דער גרויסער גאָט און פריש דיין
יעדער גליעד!...

*

און וועלען מיר שוין פרעמדע זיין — אויף וועגען צוויי
צושיידט —
דערמאָן אַמאָל אַנ׳אַלטען פריינד, וואָס ערגיץ
בלאָנדזשעט, געהט!...

*

און וועט די זון דיר שיינען, קינד, און פריש וועט זיין
דיין בליק —
געדענק אָן דעם, וואָס אייביג דאַרשט און קיינמאָל ווייסט
פון גליק!...

*

און וועט איין וועג געענדיגט זיין — און ס'לעבט
דיין פריינד ניט מעהר —
איך גלויב, דיין אויג אין טיעפער נאַכט איהם שיינקען וועט
אַ טרער!...

פאַרגעס מיך ניט!...

„פאַרגעס מיך ניט"! — אין יענעם אווענד האָט
געפעסטיעט זיך מיין ליבסטע אַזוי מיעד —
און ערגיץ האָט דאָרט ווייט אַ נאַכטיגאַל אין וואַלד
געזינגען אין דער שטיל זיין אייביג-שעהנע ליעד...

און צאַרט האָט מיך געקושט איהר סאַמעט-ווייכע ליפּ,
און שטום געבעטען האָט דער פייכטער מיידעל-בליק: —
— „די פאָהרסט אוועק אין ווייטען, פרייען לאַנד —
טאָ זאָג מיר צו — פאַרגעס מיך ניט אין גליק!...

— „פאַרגעס מיך ניט!" — און אין דער לעצטער נאַכט
געוועזן איז ווי דער ים און טיעפער נאָך איהר שמאַרץ;
זי האָט מיך, ווי אַ קינד, צום האַרצען צוגעדריקט
און כ'האָב געפיהלט, ווי שטאַרק געצאַפּעלט האָט איהר האַרץ.

און אומגעהאַלזט האָט מיך די מאַרמאָר-ווייסע האַנט
און וויין געטוליעט האָט מיין ברוסט דאָס זיידען העמד..

איהר מיידעל־ריינע ליפּ האָט נאָר געפּליסטערט היים: —
— „דערמאָן מיך דאָרט — פאַרגעס ניט אין דער פרעמד!“...

— „פאַרגעס מיך ניט“ — איז צוגעפאַלען זי
צום לעצטען מאָל צו מיר מיט ווילדען אוי־געשריי —
און מיעד די צאַרטע הענט געפלאָנטערט האָבען זיך
אַרום מיין האַלז און קאָפּ אין לעצטען אבשייד־וועה...

און ווען אין נעבעל דאָרט פאַרשווינדען איז שוין אַלץ,
געבראַכט האָט מיר דער ווינט פון וויט איהר שטיל געוויין;
און אויפגעלעבט האָט טיעף אין הארץ איהר היים געבעט:—
— „פאַרגעס מיך ניט, — ניט לאָז מיך לאַנג אַליין!“...

— „פאַרגעס מיך ניט!“ — געבראַכט האָט מיר די וועלט
אַ בייזע בשורה היינט — ניטאָ דאָס שטעדטעל דאָרט;
„און אָבגעווישט האָט אַלץ דער גרויסער פייער־בראַנד —
„און ס׳וואָיען הינט אַרום דעם שטילען הייליג־אָרט...

און ווילדע פייניגער פאַראומרייניגט האָבען די,
„וואָס כ׳האָב געליעבט אַמאָל אין שטעדטעל, יונג און שעהן“.
און אויפגעלעבט האָט פריש די אַלטע, טיעפע וואונד: —
„פאַרגעס מיך ניט! — כ׳וועל אייביג בלייבען ריין!...

— „פאַרגעס מיך ניט!“ — דאָס וויסטע הייליג־אָרט
שטעהט איינזאַם איצינד דאָרט און וועקט אַ ווילדען שרעק;
און ס׳וויינען אוים דאָס אָרט די הונגעריגע וועלף,
און ראָבען שוואַרצע אויך זיי פליהען וויט אַוועק...

און עלענד ליגט זי דאָרט, און ס׳קלאָגט אויף איהר דער ווינט,
און קומט אַ וואָלף דאָרט צו — אַנטלויפט ער מיט געוויין...
און איינגעבויגען שטעהט און קלאָגט דער אַלטער בוים:
— „פאַרגעס זי ניט... אָט דאָ ליגט איהר געביין!“...

אַלטע בריעף

איך בלעטער ווידער דורך ס׳צוקנייטשטע אַלט פּאַפּיער —
און פריש לעבט אויף פאַר מיר די ווייטע, ווייטע צייט;
און עפּיס דריקט אין האַלז, אין אויג זיך ווייזט אַ טרעהר,
און ס׳שוועבען בילדער דורך, באַקאַנט און אַזוי וויט...

ווי לאַנג איז עס געווען, ווען מיט אַ שטילער פרייד
געעפענט האָב איך זיי — די גריסען פון די פריינד;
און איצט, וואָס קלעמט עס דאָרט, אַ שוואַכעס, אָרעם האַרץ!
וואָס טוט מיר אַזוי וועה, וואָס דריקט מיין ברוסט מיר היינט?

וואָס טוען דאָרט אַצינד, די ליעבע מיינע — זיי,
וואָס פלעגען טהיילען זיך מיט האָפענונג און פרייד?! —
וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי? צו לעבען זיי, אָי וועה!
צו וויסען זיי פון גליק, איז זייער גורל — לייד?!

ס׳איז טרוי׳ריג, שטיל אין גאַס; די נאַכט קומט אָן געשווינד;
אין שאָטענס, קאַלט און שוואַרץ, פאַרהילט זיך
באַרג און שטיין...
און איך ענטוויש אוּן מיעד, בין הילפלאָז, ווי אַ קינד —
און ס׳נאָגט אין ברוסט און ס׳נאָגט — און כ׳בין
אַליין, אַליין...
אַוועק די יוגענד-צייט, פאַרשווינדען יענער טרוים —
און איינזאַם ברייננגט די נאַכט פון וויט אַ טרויער-קלאַנג;
און בילדער שוועבען אויף פון טיעפען יאָהרען תהום —
און שווער איז מיר אַזוי! און ס׳טוט מיר אַזוי באַנג!...

אויף די וואַנדער־וועגן...

איך ליעב דיך — און פרעג ניט, צו ווייסטו אפילו,
איך ליעב דיך — די אויגען זיי ווערען ניט זאַט
און אַנגענעהם איז מיר צו קוקען, ווי שמייכעלסט: —
צו פיהלסטו, אַז עפּעס מיט מיר איז ניט גלאַט ?!...

מיר זיינען פאַרשידען לויט גלויבען און לענדער,
די ליידען און פריידען, פון טרוימען דער זין —
און איינער פון צווייטען וועט קיינמאָל ניט וויסען, —
פון וואַנען מיר קומען — און געהען וואוהין...

עס מאַכט ניט — זיי פרעגען קיין פראַגען די הערצער,
צו גוט איז דאָס אַלעס, צו שלעכט איז עס גאָר, —
טאָ לאָז־זשע מיין בליק זיך באַהעפטען מיט דיינעם
און גלעטען די פרישקייט פון אויגען און האָר!...

עס סאַפּעט דער צוג, אָהן אַן אָטעם ער טראָגט זיך —
מיר געהען אין וועגען פאַרשיעדענע צוויי —
נאָר ס'מאַכט ניט, אַ שעהנע לאָז גלעטען דיין בליק מיך
און לייכטער לאָז מאַכען דיין שמייכעל דעם וועה...

איך ווייס — ביזט אַ גוטע, וועסט לאָזען זיך ליעבען: —
ניט לאַנג וועט עס נעה̇מען — עס לויפט דאָך די צייט,
און באַלד וועלען ווידער מיר פרעמדע צוויי בלייבען,
און איינער פון צווייטען צושיידען ווייט־ווייט!...

דעמערונג...

זייט געבענשט מיר הײנט, די הויכע שטאָלצע בערג,
געהילט אין קעניג־קלייד פון ווייסען רײנעם שניי,
ווען ס'פאַלט אויף אייערע קעפּ דער לעצטער פּורפּור־שיין
און קושט מיט טרויער אייך אין מיעדען אָבשייד־וועה...

זייט געגריסט איהר מיר, די שלאַנקע בוימער דאָרט
אין טיעפען ים פון בלאָה, וואָס רוהט אין קלאָרער ווייט,
ווען ס'הויבען אין געבעט די צווייגען זיך אין הויך
און ס'וויגט אייך צאַרט די לופט אין שטילער אווענד־צייט...

ס'דרימעלט איין דער באַרג — אין טיעפען ברייטען טהאָל
צוּיבער־האַנד צושפּרייט די שאָטענס פון דער נאַכט;
און שוין פאַרגעהט דער טאָג, עס שטאַרבט
זיין לעצטער שטראַהל,
און שטיל איז ערד און לופט; די וועלט בלייבט שטעהן
פאַרטראַכט...

מיעד פון בלאָנדזשען לאַנג — אין מיטען וועלט און וועג
הער איך קלאַנגען שטיל פון גרויסען וועלטען־רוים —
זיי ברייגען ניט קיין שרעק און שטורמען ניט די ברוסט,
נאָר צאַרט, ווי מיידעל־בליק און זיס, ווי ווייטער טרוים...

און טענער ברייגט די נאַכט, און סודות וועבט די רוה —
זיי וועקען ניט קיין וואונש און שאַפען ניט קיין שמאַרץ;
אין שאָטענס ליגט די וועלט — אין נעבעל רוהט מיין וועג,
און רוהיג פליסט דאָס בלוט, און ס'דרימעלט איין דאָס האַרץ...

די ווייטע פאַרנאַכטען

וואו זענט איהר, פאַרנאַכטען, איהר רוהיגע, קיהלע,
וואו זענט איהר פאַרשווינדען — אַוועק;
ווען ס׳פלעגען צוויי הערצער אין אָוועגדען שטילע
זיך צאַפּלען — פול האָפנונג און שרעק?!...

ווי זיס עס פלעגט פלאַפּלען און טרייסטען, די שעהנע
און רוהיג פלעגט ווערען דאָס הארץ; —
און ס׳פלעגען די אויגען, די קינדערשע, ריינע
מיך מאַכען פאַרגעסען מיין שמארץ...

און פלעגט זיך ווען קאָרטשען מיין זעעל און זיך שרעקען
און עלענד פלעגט בלאָנדזשען מיין בליק —
אַזוי פלעגט איהר פריינדשאַפט און ליעבע טיעף וועקען
אין הערצען די טרוימען פון גליק...

נאָר אַלץ איז פאַרשווינדען אויף תמיד, אויף אימער,
מיין טרוים האָט צוטראָגען דער ווינט;
און דריקט אויפ׳ן הארץ ווען אַ טרויער און קימער —
עס נעהמט שוין קיין טרייסט ניט אַצינד!...

גרויע טעג

לאנגזאם עס ציהען זיך טרוי'ריגע וואכען,
ס'פארגעהען די טעג אהן א איינציגען שטראהל;
גרוי איז דאס לעבען, און פויל, און צוקראכען,
און ס'דאכט זיך — א חלום דער גאנצער וועלט-אל.

עס לעשט זיך א פונק נאך א פונק אוים דער גלויבען,
קוים-קוים עס טליעט א האפנונג אויף גליק...
אין הארצען דארט טיעף עפּעס נאגט און עס בייגקט זיך,
און ווייט ערגיץ בלאנדזשעט דער עלענדער בליק...

כ'וויים, אז נים אייביג וועט רעגנען דער הימעל,
די כמארעס און נעבעל פארשווינדען דאך באלד,
און טויזענד-פאך רייצענד וועט קומען דער פריהלינג,
אין בלומען פארפוצען דאס פעלד און דעם וואלד,

און הימעל און ערד וועט זיך באדען אין שטראהלען,
און שאלען מיט גליק וועט דער בארג און דער טהאל;
פאר פיעלע וועט קומען דער פריהלינג און זון-שיין —
מיין פריהלינג ווער וויסט, צו ער קומט נאך אמאל?!...

נאכט און טאג

א נאכט איז געקומען, פול אנגסטען אוןליידען —
א שלאפלאזע, שווערע — אהן טרוימען, אהן פריידען,
א נאכט, וואס איז פול מיט א יאמער און שרעקען —
און טיעף אינ'ם הארצען א אומעט טוט וועקען...

די נאכט וועט פארשווינדען, די נאכט, פול מיט טרויער,
און קומען דער טאג וועט, א העלער און בלויער;
און אויפגעהן די זון וועט — די שאטענס פארטרייבען —
און גארניט פון נאכט וועט אין הארצען פארבלייבען...

אַ טרוקענער בוים

אויפ׳ן פעלזען - רוקען פון אַ באַרג אַ הויכען
שטעהט אַ בוימעל עלענד, איינזאַם, ווי אַ שטיין ;
אָהן אַ בלעטעל גרינעס, אָהן אַ בלימעל איינציגס —
נאַקעט און פאַרטריקענט שטעהט עס דאָרט אַליין...

טיעף אין טהאָל עס שפּראָצען, בליהען בוימלעך יונגע,
פול מיט זאַפט די צווייגלעך, פריש דער שטאַם און צאַרט ;
נאָר דאָס בוימעל דאַרע אין דער לופטען סטאַרטשעט,
אָהן אַ שפּור פון לעבען, טרויערריג און פאַרטראַכט...

טראָגט זיך דורך אַ ווינטעל — צערטעלט עס די בוימלעך ;
פליהט אַדורך אַ פויגעל — שטעלט זיך אָפּ אויף זיי ;
קיינער אָבער קומט ניט גריסען אויך דאָס בוימעל —
זינגט אַ ליעדעל עמיץ — שאַרפער ווערט זיין וועה...

פלעכטען זיך די בוימלעך, שושקען זיך צוזאַמען —
זיס פאַרצעהלט דאָס ווינטעל, הוידעט שטיל און צאַרט ;
נאָר דאָס בוימעל־יתום שטעהט, אין זיך פאַרטרויערט —
גרעסער ווערט דער עלענד, שאַרפער נאָך ביינאַכט...

גיסט אַ מבול־רעגען — ווייקט אין איהם דאָס בוימעל ;
טראָגט זיך דורך אַ שטורעם — הערט זיך זיין געוויין ;
פרישער שפּראָצען בוימלעך, גרינער ווערען צווייגלעך —
נאָר דאָס בוימעל טריקענט — עלענד, ווי אַ שטיין...

ווען אַלעס ווײנט...

טרויריג פאַלט דער הימעל צו דער נאַסער ערד צו,
טריפט ער פויל און לאַנגזאַם גרויע טראָפּענס טרערען;
שטעהט די וועלט, אַ נאַסע, דריקט זי זיך צוזאַמען,
ווייקט די ערד אין וואַסער — אַזש דערטרינקען ווערען...

רייסט דער ווינט די בוימער, בויגט ער זיי מיט אימפּעט,
פאַנגט ער אָן ברגז יונגע צווייגען הויבען —
הויבט ער אויף די צווייגען ביז'ן הימעל גרויען,
שלײדערט זיי מיט צאָרען אין די נאַסע שויבען...

גיסען זיך די טראָפּענס מיט אַ טרויעריג פּליאָסקען,
ווערט די לופט אַלץ גרויער, קויטיג — ערד און הימעל;
און עס רעגענט, רעגענט אָהן אַ סוף און אויפהער —
ביז די וועלט אַ טריבע שטעהט אין נאַסען דרימעל...

לאַנגזאַם גיסט דער רעגען, קלאַפּט ער אויף די פענסטער,
לאָזט ער אויף זיי איבער קויטיג-נאַסע פלעקען;
ווײנען עפּעס ווינטען, רייסען אײן דאָרט וועלטען —
קלאַפּען אָן די לאָדען, און אַ אומעט וועקען...

שטיל בײ'ם פענסטער שטעה איך, קוק זיך אײן אין דרויסען:
טריפט דאָרט פויל דער רעגען, נעבלען נאַסע שוועבען;
און דער ווינט, ער וואָיעט, קלאָגט זיך שטיל אין גאָרטען,
און באַוויינט די יוגענד פון מײן טריבען לעבען..

דער לעצטער שטורעם

מיך אַרט ניט דער שטורעם אצינד, ווען ער טראָגט זיך
מיט רויש און מיט אימפּעט דורך באַרג און דורך טהאָל ;
און רוהיג בין איך, ווען איך הער, ווי ער קלאָגט זיך, —
איך וויים — ער צושפּיעלט זיך דאָס לעצטע שוין מאָל...

עס אַרט ניט דער שנֵיי מיך, וואָס נאָס און צוקראַכען
ווי נעבעל פאַרדונקעלט און גראָה מאַכט די וועלט —
מיך אַרט ניט, וואָס ווידער נאָך וואַרעמע וואָכען
געקומען איז פּלוצלינג דער הערבסט און די קעלט...

מיך שרעקט ניט דער שטורעם דער שפּעטיגער זייבער,
ווייל נאָך איהם עס קומען די גליקליכע טעג —
און אָטעמט מיט קעלט ער אין גסיסה נאָך טריבער —
דאָך וויים איך — דער ווינטער איז וויט שוין אוועק...

פריהלינג...

(דער מוטער־ציון)

ווידער די שטראַהלען מיך קושען און ס'לאַשטשען
די ווינטעלעך צאַרטע,
מידע, ווי די ים'ען פון בלאָהקייט די ענדלאָזע הימלען
זיך ציהען ;
מונטערער שטראַהלען די אויגען, פון בייגקען און קעלטען
פאַרשמאַכטע,
פריי איז געוואָרען די וועלט, און עס ווילט זיך אין וויט
ערגיץ פליהען...

ס'האָט ווי אַנ'עכאָ אין טהאָלען אַ קלאַנג זיך פון ווייטענס
דערטראָגען,
און אויפגעלעבט טיעף אין דער ברוסט האָבען אַלטע
פאַרגעסענע טרוימען;
און געבעלדיג-צאַרט, ווי באַגינען, ווען נאַר-וואָס
עס הויבט אָן צו טאָגען,
הילט זיך אין סודות די וועלט און די ווייטיגע, הימלישע
רוימען...

גענידערט אַ גייסט האָט אויף דר'ערד און געדרינגען
אין זעעל דער מיעדער;
די הימלען ווי דאָן אין דער יוגענד זיי רופען,
זיי מאַניען און ציהען
אין ענדלאָזען אָבגרונד פון בלאָהקייט די בליקען
זיי טובל'ען זיך ווידער,
און ס'רופט עפּעס דיך און עס ציהט — אין דעם לאַנד פון
די טרוימען צו פליהען...

וועבען לעגענדען זיך אַלטע, סודות פון מזרח זיי רופען...
לאַנג וועט דער כשוף זיך ציהען און פינקלען,
און בלענדען פון ווייטען?
לאָז דראָהען פון ווייטענס דער הערבסט מיט
די שטורעמס און קעלטען פון צפון
דאָך צעהנפאַך זיי, ציון, געבענשט מיר פון אייביג
ביז אייביגע צייטען!..

שאָטענס

אויף דער ערד די שאָטענס,
ווי אין ים די אינדען
גליטשען זיך פּאַמעלאַך,
קומען און פאַרשווינדען...

פונ׳ם וויטען ראַנד דאָרט,
פונ׳ם ראַנד פון הימעל,
וואו דער וואַלד אַ שטילער
שטעהט אין טיעפען דרימעל, —

קומען זיי און געהען,
רוקען זיי זיך שטומע
איבער בערג און טהאָלען
איבער וועגען קרומע...

קריכען זיי פּאַמעלאַך,
ווי די ריזען־שפּינען —
אין אַ נעץ פון שוואַרצען
זיי די וועלט פאַרשפּינען...

קומען זיי — און געהען,
ווי אין ים די אינדען...
— שיינט די זון נאָר אויפ׳עט —
ווערען זיי פאַרשווינדען...

נאַטור און לעבען

ווי שטיל אין מדבר זאַמד עס ציהט אַ קאַראַוואַן —
אַזוי זיך גליטשען שטיל די וואָלקענדלעך אין בלאָה;
זיי ציהען זיך, ווי שאָף, ווי באַרג־שניי ווייס און קלאָר,
און צאַרט, ווי קינדער־בליק, און מילד, ווי אָווענד־רוה...

פון ווייטען הימעל־ראַנד פאַרטראַכטע קומען זיי
און גליטשען זיך אַוועק אַהין, דאָרט ערגיץ ווייט —
פאַרשווינדען פון דעם אויג, ווי ס'געהט אַ טרוים אַוועק,
ווי ס'גליטשען זיך די טעג אין אָבגרונד פון דער צייט..

זיי רוקען זיך אַזוי און שווימען אין דער הויך —
און שטאַרבען זיי אַוועק — שוין נייע זענען דאָ,
און ס'דאַכט זיך דיר אַזוי פון אייביג שווימען זיי
און באָדען זיך אין ים פון הימעל'ס קלאָרער־בלאָה...

נאָר ס'טרעפט אַ שטורעם ווינט פון ערגיץ קומט אַמאָל,
און ס'הילט דעם הימעל איין אַ שוואַרצע כמאַרע באַלד —
און דונקעל ווערט די וועלט, און שטורעמדיג דער ווינט
די העכסטע בוימער רייסט פון טיעפען, אַלטען וואַלד...

אַזוי פאַמעלאַך טרעפט, עס פליסט דאָס לעבען זיך,
און לאַנגזאַם גליטשען זיך די טעג אין לעבענס־ים,
ביז איין מאָל עס ברעכט אויס אַ בייזער שטורעם־ווינט
און פילט די ברוסט און האַרץ מיט שווערען יאוש־סם..

אַזוי זיך בייטען זיי — די קורצע לעבענס־טעג,
און זיסער טרוים אויף צער, און בייזע צייט אויף שעהן;
אַ זאָג־זשע מיר, מיין פריינד, צו איז פאַראַן אַ זין,
צו איז פאַראַן אַ ציעל אין אונזער זיין, צו ניין?!...

אונטער דרום־שטראַהלען

אײדער נאָך די זון באַגאָסען האָט די וועלט מיט העלען שײן,
און טאָל און באַרג געשלאָפען איז אין שאָטענס פון דער נאַכט,
האָט זיך געשפירט, אַז שרעקליך הײס דער טאָג וועט זײן —
און שוין גאַנץ פריה געווען איז אַלץ פון היץ פאַרשמאַכט...

און ביסלעכווײז גענומען האָט דער נעבעל זיך צוגעהן,
און אײנציגווײז צוקראָכען זענען זיך די וואָלקנעס
און צוגאַנגען, —
און דער הימעל האָט זיך, טיעף, און בלאָה, און רײן,
אַ ריזען־ים איבער דער וועלט צוצויגען...
און טיעף ביז צו דער ערד געבויגען
האָבען זיך אין פעלד די שווערע, פולע זאַנגען;
און זעלטען נאָר האָט זיך אַ בלעטעל אויף אַ בוים
ניט בײגעקומען פון דער היץ, געשאָקעלט קוים...

און מעהר און מעהר האָט זיך די לופט צוגליהט, —
און לײדענשאַפטליך זענען צוגעפאַלען
צו דער ערד די הײסע זונען־שטראַהלען —
אָהן רחמנות זי געבאַקען און געבריהט,
גלײך עס וואָלט אַ מבול פײער זיך געגאָסען
פון דעם ווײטען הימעל־צעלט...
און אויסגעדאַכט האָט זיך — די זון אַלײן
האָט אַלע איהרע פײלען אויסגעשאָסען,
און פאַרשמאַכט, אין מיטען וועג געבליבען שטעהן,
געשמאָלצען זיך צוזאַמען מיט דער וועלט...

און שאַ און שטיל געווען איז אומעטום;
און ניט געהערט האָט זיך קײן שאָרך אין טיעפען טהאָל,
און ווי פאַר'חלש'ט איז געשטאַנען באַרג און פעלד אַרום,
און ווי פאַרגליווערט איז געווען דער שטילער וואַלד...

נאָר ערגיץ־וואו צומאָל
אין הימעל־רוים האָט ברייט
אַן אָדלער שטאָלץ די פליגעל אויסגעשפּרייט,
און מיט אַמאָל
צום שוואַרצען וואַלד געלאָזט זיך פליהען,
געבליבען רוהען
אויף אַ שטיין איין אויגענבליק,
און ווי געטראָפען פון די הייסע פּיילען־שטראַהלען,
אין די הימלען זיך געהויבען שנעל צוריק...

און היים און שטיל געווען איז אַלץ אַרום...
און נאָר געמורמעלט האָט דאָס טייכעל האַרציג־שטיל,
און קלאָר, דעם ריינעם הימעל אָבגעשפּיגעלט טיעף,
און איינגעזאַפּט אין זיך זיין צאַרטע בלאָה — און קיהל,
און ריין — די הייסע זאמד פון ברעג געקושט
געוואשען זי דערפרישט
געשפּיעלט זיך מיט דעם לייכטען פישער - שיף,
וואָס האָט געהוידעט זיך ביים גרינעם ברעג...
און אינד נאָך אינד געלאָזט זיך לאַנגזאַם געהן,
און זיך געטראָגען אין דער ווייטער וועלט אַריין, —
און אויפ'ן וועג
זיך פויל געלאַשטשעט צו דעם הייסען שטיין,
וואָס האָט געטטאַרטשעט אין דער לופט, פאַרטראַכט...

און שאַ, און שטיל געווען איז אומעטום...
און היים געאָטעמט האָט די וועלט אַרום,
פון שווערער היץ פאַרשמאַכט...

ליכט און שאָטענס

עס האָבען באַרג און פעלד און וואלד,
און פרישער טייך, וואָס פליסט אין טיעפען טהאָל,
געבאָדען זיך אין׳ם פון שטראַהלען-ליכט...
נאָר מיט אַמאָל
האָט זיך פון ווייטען הימעל - ראנד
פאַר׳גנב׳ט, שטיל גערוקט
אַ שוואַרצער שאָטען-וואַל, און באַלד
צוגאָסען זיך איבער דער ערד׳ם געזיכט...
און דורך דער בלאה פון הימעל
לאַנגזאַם האָבען זיך געגליטשט די וואָלקענס,
ווי אין צויבער דרימעל,
וויס און קלאָר ווי שאָף,
וואָס קומען זיך צונויף צום טייך ביים פאַסטוך׳ס רוף...
און ס׳האָט פון ערגיץ צאַרט און קיהל
גענומען בלאָזען זאַנפט אַ ווינטעל שטיל
און ווי אַ ווייכע מוטער׳ס האַנט,
די הייסע, מיעדע ערד געצערטעלט און געגלעט,
און עפּעס אָנגעזאָגט אויף גיך דעם שטילען וואַלד
און זאַנגען קוים געוויגט אין גרינעם פעלד...
און לאַנגזאַם נאָכאַנאַנד האָבען זיך ווייט און ברייט
איבער דער ערד געגאָסען שאָטענס קיהלע,
און ווי אַ שוואַרצע נעץ זיך אומטום צושפּרייט —
געקראָכען אויף די פעלזען-ריזען
שטילע, שטילע,
און איינער נאָך דעם צווייטען אין די בערג פאַרשווינדען,
ווי ס׳פאַרשווינדען יאָהרען אין׳ם תהום פון צייט
און ווי אין ים די אינדען...

— — — — — — — — — — — —

און מונטער, קיהל, דערפרישט
האָט ווידער זיך די וועלט אין זונען־שיין געקוויקט;
שטיל האָט זיך די ביהן געוויעגט,
איבער די בלומען־בעכער
און מיט דורשט דעם זיסען האָניג אויסגעקושט...
און ערגעץ האָט אַ פויגעל אין דער הימעל־טיעף
געהויבען זיך אַלץ העכער, העכער,
און געגריסט די וועלט מיט ליעבען ציף־ציף־ציף...
און ווי אַ פייל די לופט אַדורכגעשניטען ריינע
און אין וואַלד אַראָפּגעפאַלען ערגיץ קיהלען;
און לייד'ענשאַפטליך האָט די זון געקושט די פעלזען שעהנע
און היים געאָטעמט האָט דער טאָג
אין דרימעל שטילען...

גרינע פעלדער

גרינע פעלדער האָבען ברייט זיך
אויסגעשפּרייט אויף אַלע זייטען:
און דער וואַלד ביים ראַנד פון הימעל
טונקעלט זיך אין נעבעל ווייטען...

ציהען, דרעהען זיך די וועגען,
אין דער וויטער וועלט זיי פיהרען;
שליינגלען טייכלעך זיך און גלאַנצען,
אויף דער זון זיי שימערירען...

קומט אַ ווינטעל אָן פון ערגעץ,
קנייטשט זיך אין דאָס וואַסער קיהלע;
און די זאַנגען, הויכע, שלאַנקע,
קוים זיך הוידען, שטילע, שטילע...

ווי פון צויבער האַנט צעוואָרפען,
שטעהען הייזלעך, ווי אין דרימעל;
נאָר דער רויך פאַמעליך הויבט זיך
און צוגעהט זיך מיעף אין הימעל...

און דער הימעל-ריין און בלאָהער,
אָהן אַ ברעג האָט זיך צוצויגען;
אָט געקומען איז אַ פויגעל
און צוריק אַוועקגעפלויגען...

גליטשט דער בליק זיך דאָרט אין ווייטקייט —
דורך'ן שטראָם פון זאַנגען-איינדען
טראָגט ווי שטורעם זיך אַ רייטער
און אין וועלדעל ווערט פאַרשווינדען...

שניידען דורך די לופט די צוגען,
לוסטיג פייפען, סאָפען, יאָגען —
האַסטיג גריסען אונז זיי ברייננען,
און אַ גריס דער וועלט זיי טראָגען...

אין וועלדעל

אין דעם וועלדעל פרישען, קיהלען
וועט באַהאַלטען זיך מיין שעהנע;
און צעווישען בלומען צאַרטע
מיין געליעבטע זיין וועט איינע...

וועלען ביהנען פריי זיך טראָגען,
לוסטיג זשומען, בלימלעך קושען;
און דעם זיסען האָניג זויגען,
טרינקען זאַפט פון בעכער פרישען...

וועל איך אינגעל — שטיפער שפרינגען
יאָגען זיך צום דעמב, דעם אַלטען —
און דאָרט זוכען צווישען קושטשעס,
וואו דאָס מיידעל ליעגט באַהאַלטען...

כלומרשט זוכען — און געפינען —
און דערזעהן איהר האַלז, דעם ווייסען;
כאַפּ איך דאַן דאָס מיידעל קושען
און די ליפּען פרישע בייסען...

מיט דער נאַטור

כ׳בין ווידער צו איהר איצט געקומען אַ קראַנקער,
פאַרמאַטערט פון שטאָדט מיט איהר אייביגען טומעל,
און שטיל מיך באַגריסען דאָ דרימלענדע טהאָלען
און וויט דאָרט — די בערג און דער העל-בלאָהער הימעל...

ווי לייכט ס׳הילט דער נעבעל אין זיידענע טוליען,
די קליינינקע דערפלעך און רוהיגע וועלדער!...
עס שניידען אריין זיך ביז טיעף אינ׳ם הימעל
און ווערען פאַרלאָרען העט-וויט דאָרט די פעלדער...

ווי רוהיג די בוימלעך פון ווינטעל זיך וויגען!
ווי האַרציג עס מורמעלט דאָס פּרישינקע טייכעל!
און שטיל אין אַ פענסטער באַווייזט זיך אַ מיידעל —
און ס׳ווייסען זיך צייהנדלעך אין ליעבליכען שמייכעל...

ווי טיעף ס׳איז דער הימעל! — און לאַנגזאַם די וואָלקענס
ווי שעפּעלעך ווייסע, זיך גליטשען און שוועבען;
און פריש ווערט אין האַרצען; מיין זעעל ניי-געבוירען; —
און ס׳רייסט זיך אַ ברכה דער וועלט און דעם לעבען...

עס האָבען די ווינטען

עס האָבען די ווינטען, די אייביגע פרייע
פאַרטרויט מיר דעם סוד פון דער נאַכט;
און איינגעהערט האָב איך זיך שטיל אין'ם צויבער,
וואָס וועבט זיך אין פריהלינג ביינאַכט...

עס האָבען די ווינטען פאַרצעהלט מיר פון לענדער,
וואו פרייהייט און זון איז דאָרט פיעל;
פון ענדלאָזע זאַמדען העט-ווייט דאָרט אין מדבר,
וואו נאַכט איז פאַרצויבערט און שטיל...

פון אַלטינקער מוטער פאַרצעהלט האָבען ווינטען,
וואָס בייגקט, אַי וואָס בייגקט אַזוי שטיל;
און אָפט זיך פאַרטרויערט פאַרנאַכט נעבען טייכעל
און זיצט ביי די חורבות פון מיהל...

און גריסען געבראַכט האָבען ווינטען פון צייטען,
וואָס זענען פאַרשווינדען שוין לאַנג;
אָ אויפגעלעבט האָבען פאַרגעסענע טרוימען
פון יוגענד די לוסט און פערלאַנג...

און אויך מיר פאַרצעהלט האָבען ווינטען פון ים'ען,
וואָס רוישען אין אייביגען שוים...
און סודות פון וועלטען, פון טויזענדער וועלטען,
וואָס טראָגען זיך טיעף דאָרט אין רוים...

און פיעל נאָך פאַרצעהלט האָבען ווינטען מיר פרייע
פון וועלט, און פון מענש, און פון גליק...
נאָר מעהר פלעגט דערצעהלען אין אָווענדען שטילע
געליעבטער'ס פאַרטרויערטער בליק...

פריהלינג

ס'איז פריהלינג היינט...
באַרוהיג זיך, מיין אַלטער וועה,
דאָרט טיעף ביי מיר אין האַרצענ'ס צעלט !...
און שטיל לאָז זיין דער שמערץ-געשריי
און פלוך, וואָס ס'שיקט מיין זעעל דער וועלט —
די זון — דאָך שיינט !...

די זון — זי שיינט !...
וואָס קימערט מיך פון וועלט אַצינד
די אָבגרונד טיעפע נויט און פיין ? !...
כ'וויל ווידער זיין אַ יונגעס קינד,
און זאָרגלאָז לאַכען, פרעהליך זיין —
ס'איז פריהלינג היינט !...

ס'איז פריהלינג היינט !...
עס האָבען שטורעמס בייזע לאַנג
געהערשט ביי מיר אין קראַנקער ברוסט ;
און היינט — דער זיסער פריהלינג'ס-קלאַנג
ער רייצט, ווי דאַן, מיין יוגענד-לוסט —
די זון — דאָך שיינט

די זון — זי שיינט ! —
און ס'באָדט זיך וואלד און באַרג, און טהאָל
אין פרישען שטראָם פון זונען-שיין —
טאָ וויל איך כאָטש איין איינציג מאָל
פאַרגעסען וועלט, און מענש, און זיין —
ס'איז פריהלינג היינט !...

אין די בערג

ווי הויך עס הויבען זיך מאַסיווע בערג דאָרט ווייט
און ציהען זיך אַוועק, ווי ריינגען אין אַ קייט;
פאַרטראַכטע שטעהען זיי פון אַנהויב וועלט און צייט
און קוקען שטום אַראָב אין טהאָלען־טיעף און ברייט!

עס גלאַנצט און שימערירט דער טייך פון זונען־שטראַהל
און ס'גליטשט דער זילבער־שטראָם אין אָבגרונד זיך אַריין;
און זעה — עס שוימט שוין דאָרט און רוישט א וואַסער־פאַל
און שפריצט בריליאַנטען־שטויב אין רייגער לופט אַריין!...

פון ווייטען הימעל־ראַנד, וואו ס'דונקעלט זיך אַ וואַלד,
ווי כוואַליעס אויפ'ן ים זיך גליטשען שאָטענס שטיל —
אָט יאָגען זיי זיך צוויי, אָט לויפט אַ דריטער באַלד —
און ס'קומט אַ ווינטעל אָן און גלעט דיך — צאַרט און קיהל...

עס בליקט דיין אויג און קוקט — און זעטיגסט זיך ניט אָן,
אַרום — אַ פרייע וועלט, צעוואָרפען ווייט און ברייט...
און ים'ען גאַנצע ליכט פון אויבען שיקט די זון —
און ס'גיסט זיך אין דיין ברוסט אַ שטראָם פון לוסט און פרייד.

פריהלינג קומט

ווארעמע שטראהלען און ווינטעלאך צארטינקע
לאנגזאם צושמעלצען די ווייסינקע דעק ;
שליינגלען זיך ריטשקעלאך, שטראמען זיי גרימען זיך,
גיסען צוזאמען זיך — לויפען אוועק...

פליאשקען די שטראמעלעך, מורמלען זיי פרישענקע
פליסען זיי פריי פון די בערג און פון וואלד,
גיסען אראב זיך אין טהאל אלע טייכעלעך—
שוימען שוין ריזיגע שטראמען דארט באלד.

ווארעמט די זון אזוי מילד און מחיה.דיג,
קושט זי די ערד אזוי ליעב, אזוי צארט :
האלטען אין אווענד נאך פרעסטעלעך לייכטינקע —
פריהרען די שטראמעלעך, דרימלען ביינאכט...

לויפען גאנץ פריה פון די שטאהלען די קעלבעלעך
קומען ארוים מיט א זארגלאזען שפרונג ;
ליגען די קיה אויף דער זון דארטביים טייכע'לע
שטשיפען און קייען די גרעזעלעך יונג.

ליגט זיך דאס קעצעלע, דרימעלט און ווארעמט זיך,
שטיל זיך באלעקט און דאס קעפעלע גלעט —
ברייט אויף דער ערד ליגט דער הונט א צעשויבערטער,
גריזשעט געשמאק זיך א ביינדעל ער פעט...

שפיעלען זיך מיידעלעך, פרעהליכע לויפען זיי,
אינגעלאך יאגען זיי, כאפען געשווינד ;
פלאטערען ליעב אזוי קליידעלעך ווייסינקע,
רויטלען זיך בעקעלעך, פלאמען פון ווינט...

שפּרינגען די קינדערלעך, לאַכען, צוהוליען זיך,
וואסערלעך שטראָמען פון באַרג און פון וואַלד;
עי, מיינע לויפערלעך, לוסטיג און פרעהליך זייט —
ווייט איז דער ווינטער און פריהלינג קומט באַלד!...

אויפ'ן שליט־וועג...

דזין—דזין—דזין—דאָס גלעקעל קלינגעלט —
ס'לויפט דער שליטען — פריי צופליהט זיך —
טראָגט אונז איבער וועגען ברייטע —
און דער שניי פאַמעלאַך שיט זיך...

פאַלט דער שניי, אַ פוילער לאַנגזאַם
איבער טייך און פרייע פעלדער;
דעקט צו אַלץ מיט ווייסען ליילעך
הילט איין נעץ די ווייטע וועלדער...

שטעהט די וועלט אַ גרויע — מיעדע
פון די קאַלטע בייזע שטורעמס;
ניט געצערטעלט לאַנג פון זון־שיין
שלאָפט זי איין אין ווינטער'ס אָרעמס...

ס'גריסט דער באַרג אונז קאַלט און פרעמדער
לויפט ער גיך פאַרביי — אַ מיעדער —
און דער שניי אַ פוילער, נאַסער
פאַלט און פאַלט אַלס ווידער...

דעקט ער צו די ערד און שליטען
גרייכט די פערד אַזש ביז די קניעס;
וועבט צוזאַמען ערד און הימעל —
שווער דריקט אויף די נאַסע וויעס...

דזין—דזין—דזין—דאָס גלעקעל קלאָגט זיך —
אַ, דו זעהסט, ווי שטאַרק עס שנייעט —
און ארום דער בייזער שטורעם
האָט די פעלדער טיעף פאַרווייעט...

ס'דרעהט דער ווינט — אָהן סוף אָהן אויפהער,
שוין פאַרנעבעלט אַלע וועגען,
ניט קיין ערד — און ניט קיין הימעל...
טיעף פאַרשאָטען אַלע שטעגען...

און דאָס שליטעל גליטשט זיך, גליטשט זיך
אויפ'ן שניי, דעם סאַמעט־ווייכען —
און געלאָזט דאָס ליעבע שטעדטעל
וויט דאָרט וויט אין נעבעל בלייכען...

ביזט מיעד, מיין מיידעל שעהנע —
ס'פרעסט דיין הארץ אַ שטילער טרויער
בויג זיך צו — דערצעהלען וועל איך
דיר אַ סוד פון וויט דער גרויער...

—„דאָרטען, הערסט, אַ וויט — דאָרט טרייע,
ערגיץ ליגט דער צפון גרויער...
און אַריבער יענע ים'ען
הענגט אַ הימעל, אייביג בלויער.

ווייסע שלעסער דאָרטען שטעהען —
אייז פאַלאַצען, וואונדער שעהנע —
אייביג ליגען שנייען ווייסע
ניט באַוועגט זיך — לופט די ריינע

שטעהט אַ פּאַלאַץ דאָרט אַ הויכער,
פון קריסטאַל — די ווענט און פענסטער ;
און פון אָנהויב צייט ביז אייביג
בלאַנדזשען שטיל דאָרט אום געשפּענסטער...

שש...—דו שמייכעלסט צאַרטע מיינע,
שטיל איז וועלט אין אָווענד ווייכען..
דרימעל איין אין טרוים פון ווייטן —
ביז אַהין מיר ביידע גרייכען..

גיכער, שנעלער לויפט דער שליטען —
ס'ווייִנט דער ווינט, און קלאָגט און ווייעט —
און באַדעקט מיט ווייסען נעבעל
פעלד און טייך — און וועג פאַרשנייעט...

דזין—דזין——ווייִנט שטיל דאָס גלעקעל
גרוי איז ערד און שטיל — דער הימעל...
עי, איהר לייבען! טראָגט אונז גיכער!
ברייִנגט אונז שנעל אין לאַנד פון דרימעל!....

ווען ס׳ווערט נאַכט

עס האָט די וועלט אויף איין מינוט זיך אָבגעשטעלט
און זיך פאַרטראַכט...
און ס׳האָט אַ האַנט אַ צויבער־האַנט פון הימעל צעלט
די רוה געבראַכט.
און הויכער באַרג, און שטאָלצער פעלז געוויגט האָט זיך
אין בלאַסער ווייט...
און ס׳האָט די זון איהר לעצטען שטראַהל געשיקט אויף גיך
פון מזרח־זייט...
און ס׳איז דער שטראַהל — דער לעצטער קוש
דעם ליעבלינג׳ס קינד —
געשטאָרבען באַלד...
און דאָרטען ווייט באַוועגט האָט זיך פון לייכטען ווינט
דער שטילער וואַלד...
און עמיץ האָט באַהאַלטען זיך, געשפּרייט פון נאַכט
די שאָטענס שטיל...
און ס׳האָט פון ווייט, פון ערגיץ דאָרט, געבלאָזען צאַרט
אַ ווינטעל קיהל...
און זאַנפטע רוה, און הימעל־סוד, און ווייטען טרוים
וואָס יעדער גאַרט,
האָט דאַן געוועבט פאַר ערד און מענש און וועלטען־רוים
די שטילע נאַכט...

אַ שלאָפלאָזע נאַכט

אָנגעפילט מיט סודות
האָט די נאַכט מיין צימער,
און געווען די וועלט איז
שטום און פרעמד, ווי אימער...

און פון קברים - ביכער
בלעטער האלב — צופוילטע
האָבען זיך געהויבען
דורות, לאַנג שוין טויטע...

און מיט קולות-פלוכען
מיך געוואָרענט האָבען
און געדראָהעט עפּעס
בייזע, גייסטער-ראָבען...

און ווי שפּינען-ריזען
דורך די גרויע פענסטער
מיר געווינקען האָבען
שרעקליכע געשפּענסטער...

און ווי שווערער נעבעל
האָט אַ שרעק באַהערשט מיך —
און מיט ווילדע אויגען
האָב געקוקט אין נאַכט אויך..

פון שטאָדט אין פעלד

אונ ווידער פאַרלאָזט האָב די שטאָדט איך די גרויסע,
און ווייט איז געבליבען איהר קאָכען און ראַש,
איך הער דאָ ניט מעהר איהרע שטאָלענע קלאַנגען
און זעה ניט איהר טומעל און ווילדען מיש־מאַש...

און ווייט פון דעם דריאַזגען פון וועגענער, צוגען,
זיך שפּרייטען די טהאָלען אין לופטיגען שלאָף,
און זאַנפטיגע ווינטלעך זיך טראָגען פון בערג דאָרט,
און פויגעלאַך שווימען אין הימעל׳ס אין־סוף...

און רוהיג עס גיסט זיך דאָס בלוט צו דעם האַרצען,
און פרעמד איז מיר איצטער פאַר מאָרגען דער שרעק —
און ליבליך מיך גריסען די שטראָמען פון זאַנגען,
אויף פעלדער, וואָס ציהען זיך ווייט, ווייט אַוועק...

פאַרגעסען די שטאָדט דאָ, אָן טומעל פון גיהנום,
כ׳פאַרנעהם נאָר די טענער, וואָס קלינגען אין טהאָל —
און לוסטיג עס שטראָמט אין די לונגען דער לופט־ים —
און גליקליך איך בין, ווי אין קינדהייט אַמאָל...

ירמיהו הנביא

שוין פאַרניכטעט איז די שעהנע שטאָלצע שטאָדט
און ליגט אין חורבות שטויב — אין הויפענס קויהל און אש ;
ערפילט האָט טריי דער פיינד דעם ווינש פון צאָרען - גאָט :—
צושפּאָט געמאַכט דאָס לאַנד —
צוטראָטען ציון׳ס שטאָלץ מיט פייער, שווערד און ראַש...

— — — — — — — — — — — —

עס איז געשעהען און גיך —
עס האָט דער גרויסער צאָרן אויסגעגאָסען זיך
אויף יונג און אַלט, און שעהן,
און אויך אויף פּיצעל קינד,
וואָס איז ווי אומשולד, ריין,
און ווייס נאָך ניט פון זינד...
— און אויף דער אָרט,
וואו ס׳איז געשטאַנען ס׳הויז פון גאָט,
פאַרענדיגט האָט דער פיינד זיין בייזען קריעג,
און מיט די טמא פיס געטראָטען האָט ער דאָרט,
פאַר׳שכור׳ט פון זיין זיעג...
אַ פּרעך - געשריי
האָט זיך אין נאַכט פון שטראָף און פיין
געמישט מיט קרעכץ און קול פון וועה : —
דער פיינד האָט דאָרט מיט שפּאָט
געטראָטען ציון׳ס קרוין —
און בלוט געגאָסען האָט
צוזאַמען זיך מיט וויין...

— — — — — — — — — — — —

און ער האָט אַלץ געזעהען...
ניט לאַנג האָט ער זיין פאָלק געזאָגט פאָראויס,
אַז ס׳וועט אַ שטראָף געשעהן
נאָר ניט געגלויבט, אַז גרויס

און שרעקליך וועט דער חורבן זיין אַזוי...
ער האָט אין גלאַנץ געזעהן די זון פון טייער לאַנד —
און אויף דער עלטער - צייט
איהר אונטערגאַנג און שאַנד —
ווען הילף און טרייסט איז ווייט...
ער האָט געזעהן דורך פייער, בלוט און רויך,
ווי ס׳שלעפּט דער פיינד די צאַרטע פרוי און קינד —
און ניט פון זין אַראָב ! — און ניט געוואָרען בלינד !..

— — — — — — — — — — — —

ער האָט זיין בליק פון שמערצען פול,
געווענדט אין הויך
און הילף געפאָדערט שטיל —
נאָר פרעמד איז אַלץ געווען דאָס מאָל
דער הימעל — שוואַרץ און אַרט, ווי שטאָל : —
פאַרשלאָסען זיך האָט גאָט
און הערט קיין תפלות מעהר...
דערנאָך האָט ער
זיין פויסט געדריקט מיט פלוך און כעס —
עס איז זיין בליק,פאַר׳סמ׳ט פון האָס,
צום לעצטען מאָל געפאַלען אויפ׳ן פיינד,
וואָס פיהרט דאָס פאָלק באַזיגט אַוועק,
אין פרעמדען גלות-לאַנד...
און שנעל פאַרלאָזט האָט ער די שטאָדט פון טוידט און שרעק
באַגראָבען טיעף אין זעעל זיין גרויסען שמאַרץ און שאַנד —
און איז געלאָפען ווייט — אין וויסטען מדבר-עק...

— — — — — — — — — — — —

פון הויכען פעלז פאַרטראַכט
געקוקט האָט ער אין מדבר ווייט אַרום
און דאָרט געזוכט אַ טרייסט זיין ברענענד האַרץ —
נאָר ס׳שווייגט די מדבר-נאַכט

און ניט גערירט
איז זי, פון אייביק טויט און שטום...
זיין אלטער קאָפּ, מיט זילבער־גראָה באַצירט
געבויגען זיך האָט טיעף אונטער זיין טרויער־לאַסט
און טרעהרען האָבען לאַנג געגאָסען האַסט
און נאָס געמאַכט דעם הייסען מדבר־שטיין...
דערנאָך — אַ ווילד געוויין,
פון צווייפעל ברוסט ארוים,
האָט אויפגעטרייסעלט נאַכט און וויסטע מדבר־שוים...
און ס׳האָט זיין ווילד־געשריי
זיך דורכגעטראָגען וויט
פון איין עק מדבר ביז דער צווייטער זייט —
און ס׳האָט אויף פעלז זיין טיעפער וועה
געבוירען דאַן דאָס ליעד —
דאָס ליעד פון צאָרן־טאָג —
פון חורבן, טויט און קלאָג...

ליעדער

פון

יהודה גוז-ריזקין

יענע נאַכט...

(געווידמעט ס. הובערמאַן)

אין יענער נאַכט האָט זי געבראַכט מיר בלומען שעהנע,
און זיי געשטעלט צוקאָפּענס פון מיין בעט.
אויף איהרע ליפּען האָט אַ שמייכעל זיך צוגאָסען,
און ווי אַ מוטער צאַרט האָט זי מיין קאָפּ געגלעט...

אַ ליכטעל האָט אין ווינקעל פון מיין צימער
געברענט אזוי בעשיידען, טונקעל, שעהן...
און איהרע אויגען ווי צוויי טהייערע דימאַנטען
געפינקעלט האָבען און גערופען ערגיץ געהן...

מיר האָט געדוכט אַ מלאך איז געקומען
און בלומען הייליגע פון הימעל מיר געבראַכט...
און אויך אַ הימעל-גייסט אין מיר אריינגעבלאָזען:
געדיינקען וועל איך אייביג יענע נאַכט!...

רוק זיך

רוק זיך, רוק זיך, צייט,
געה דיר וואו אַוועק...
און אויף יעדער זאַך
לייג אַוועק אַ דעק!...

לייג אַוועק אַדעק,
און דיין וועג דיר געה,
וועט פאַרדומפּען זיין
יעדערענ'ס געשריי...

בויגען די צווייגען זיך...

בויגען די צווייגען זיך, שושקען און מורמלען,
ווערט אויפ'ן הארצען מיר אומעטיג, שווער...
זאלען אויך בוימער ווי מענשען גאר קענען
שטילענקערהייט צו פארגיסען א טרעהר?...

בויגען די צווייגען זיך גלייך ווי זיי קלאגען,
פונקט ווי זיי וואלטען א טויטען באוויינט...
זעה ווי זיי ברעכען זיך, בויגען זיך, דרעהען
און איינער פון זיי דארט א הספד איצט לויינט...

בויגען די צווייגען זיך, רוישען און מורמלען, —
יא, דאס באקלאגען די בוימער זיך שטיל!...
וויסען וואלט איך איצט נאר וועלען דאס איינציגע:
האט דען א בוים ווי א מענש א געפיהל?...

זיי ניט בייז.

דיינע צארטע, ווייכע הענט
גלעטען ווי א פריהלינגס-ווינטעל,
מאכען ציטערען דאס בלוט,
זיין דיר דאנקבאר ווי א הינטעל...

ווי א הינטעל... זיי ניט בייז!...
כ'וויל ניט גלייכען זיך צו מענשען—
ס'האט א הינט א בעסער הארץ,
פאר געטרייׂשאפט טוט ער בענשען...

לאָמיר טרינקען!

גים מיר אָן פון שטאַרקסטען וויין,
און דערקוויק מיין הארץ! —
זאָל ער שטילען לינדערען
דאָרטען טיעף מיין שמאַרץ...

און מעג ער ברענען, מעג ער בראָטען,
טון דאָרט וואָס ער וויל...
ווענען אָרט דאָס, לאָמיר טרינקען,
גים דעם בעכער פול!...

לאָמיר טרינקען, לאָמיר טרינקען
פונ׳ם שטאַרקסטען וויין...
ווילסטו לעבען — זיך פאַרגעסען:
מוזטו שיכור זיין!...

זיי מיר אַ חבר...

זיי מיר אַ חבר אין נויט און אין אונגליק,
זיי מיר אַ ברודער און זיי מיר אַ פריינד!
מאַך מיר מיין לעבען אַ ביסעלע לייכטער,
ליכטיגער מאַך מיר מיין נעכטען, מיין היינט!...

און אויב ס׳וועט דער „מאָרגען" מיט שטראַהלען מיר שיינען,
דאָס גליק וועט אָנהויבען שמייכלען צו מיר...
וויסען זאָלסטו — פאַר אַ פריינד, פאַר אַ ברודער
בייטאָג און ביינאַכט איז דאַן אָפען מיין טיהר...

בייטאָג און ביינאַכט איז מיין האַרץ פאַר איהם אָפען,
מיין זעעל וועט פאַרנעמען דיין זאָרג און דיין טרעהר,
נאָר בויג צו דיין אויער — כ׳וועל זאָגען אַ סוד דיר
איך קאָן דאָס ניט גלויבען ניט דיר און ניט מיר !...

ווייגט איצט אַ ווינטעל...

ווייגט איצט אַ ווינטעל אין דרויסען,
טוט מיר ביים האַרצען אַ ריס...
קלאַפּט זיך עס אָן אין מיין פענסטער :
טראָגט עס פון ערגעץ אַ גריס...

עפען איך אויפעט דאָס פענסטער —
שטעל זיך אַוועק און איך וואַרט.
טראָגט זיך אַוועק וואו דאָס ווינטעל
ווייט אין דער פינסטערער נאַכט...

הער איך ווי ס׳קלאָגט און עס יאָמערט,
און עס דערצעהלט עפּעס אוים :
ס׳וועט איצט אַ האַרץ וואו צובראָכען,
און ס׳איז דער אומגליק דאָרט גרויס...

א ווינטעל האָט מיר דערצעהלט.

אַ ווינטעלע האָט מיר דערצעהלט,
עס קומט שוין דער פריהלינג אַהער.
ס׳איז שוין דער ווינטער אַוועק
און וועט זיך ניט אומקעהרען מעהר..

האָט מיר ביים האַרצען פאַרקלעמט,
און כ׳האָב פאַרלוירען אַ טרעהר.
אמת, דער ווינטער איז בייז, —
שיידען זיך אָבער איז שווער !...

אמת, מיין יוגענד איז בייז, —
טונקעל און גראה יעדער טאָג...
און ווים איך אַז יוגענד פאַרגעהט :
יאָמער איך שטיל און איך קלאָג !...

אָט אזוי איז שוין דאָס לעבען...

נעכטען האָט די זון געוואַרעמט,
מיך געלאָסטשעט און געטרייסט,
האָב איך אָנגעטאָן זיך לייכטער,
און איך האָב מיין ברוסט ענטבלויזט...

אָבער היינט — אַ ווינט אַ שטורעם
רייסט מיט אימפעט בלום און בוים...
ווערט צורינען, ס׳ווערט צושווימען,
ס׳ווערט צו נישט מיין זיסער טרוים...

אָט אזוי איז שוין דאָס לעבען :
זון און שטורעם, פרייד און צער,
לעבען שטילערהייט צוזאַמען
און זיי מאַכען אונז צום נאַר !...

איהר וועט שוין זעהן.

איך ווייס אַז איהר קענט מיך דאָ קיינער ניט ליעבען,—
איך בין אַ קאַפּריזנער, אַ בייזער, אַ שלעכטער,
נאָר לאָמיר נאָר האָבען אַ שטיקעל ויכוח
און איהר וועט שוין זעהן ווער עס בלייבט דער גערעכטער!

איך קען אייך ניט שמייכלען און גלעטען מיט ווערטער,
ווען ס׳לעבען איז גרויזאַם און פויל, און צוקראָכען...
איך קען אייך ניט זינגען קיין לוסטיגע ליעדער,
ווען ס׳זיינען די גליעדער צעקוועטשט און צובראָכען...

איך ווייס אַז איהר גאַרט נאָך אַ פייערדיג ליעדעל,
וואָס מאַכט אייער בלוט אין די אָדערען קאָכען!...
נאָר כ׳קאָן אייך ניט שאַפען קיין לוסט און קיין יום טוב,
ווען אייביג עס הערשט אין מיין הארץ „אין דער וואָכען“...

איך קאָן אייך ניט זינגען קיין ליעדער פון האָפנונג,
ווייל איך אַליין ווייס ניט וואָס דאָס זאָל באַדייטען...
און זינג איך שוין יאָ ווען אַ ליעדעל אַפרעהליכס,
דאָן גלויבט מיר, אַז איך בין געשטאַנען פון ווייטען...

דערצעהל.

דערצעהל מיר, שטילע נאַכט דעם סוד,
וואָס ליגט אין דיר פאַרבאָרגען,
פיליייכט איז ניט כדאי זיך גאָר
אין לעבען צו פאַרזאָרגען!...

דערצעהל מיר, זאָג מיר אוים פון אלץ,
מיר מעגסטו אַלעס זאָגען,
ווייל איך אַ סוד קען האלטען לאנג, —
אין הארצען טיעף איהם טראָגען...

איך טראָג פון עמיצען אַ סוד,
און קיינער וועט איהם וויסען...
דערצעהל זשע מיר, איך וועל דיין סוד
אין הארצען טיעף פארשליסען...

אַ קלייניגקייט

אַ שטילע נאַכט, אַ זומער נאַכט,
אַ נאַכט פון פולען לעבען...
נאָר האָסט פארגעסען, שיקזאַל, גאָר
אַ קלייניגקייט מיר געבען !...

אַ קלייניגקייט... עס זאָגט זיך נאָר,
דו האָסט מיר ניט געגעבען :
די נאַכט איז שעהן און זומערדיג,
נאָר וואו־זשע איז מיין לעבען ?

ניט שרעק זיך אָפּ !

ווי קאַלט עס זאָל ניט זיין אָרום, —
פאַרפרוירען יעדער לייב און זעעל ;
ווי שטום עס זאָל ניט זיין אָרום,
דאַן גיב אַ דריק און ס'קומט אַ טרעל !...

און רייסט דער קלאַנג דיין אויער, מענש,
ניט שרעק זיך אָפּ, נאָר ווייטער דריק!
און קומען וועט אַנ׳אַנדער קלאַנג, —
אזוי, וועט שאַפען זיך „אַ שטיק״...

ניט שרעק זיך אָפּ, ניט שרעק זיך אָפּ!
דער ערשטער קלאַנג איז תמיד שוואַך...
דיין אַרבייט איז נאָר מוטיג זיין,—
פון מוט קומט שאַפונגען אַ סך...

ניט שעהם זיך

וואָס אַרט דיך, קום אַריין צו מיר,
קיין פרעמדער בין איך ניט געווים...
דערצעהל מיר פונ׳ם לעבען נייעס,
פון ערגיץ ברייננ מיר אַ געריס!...

נו, קום אריין, ניט שרעק זיך, נאָר!
איך בין אַ מענש מיט לייב און זעעל...
און טוט דיר וועה דאַן הייל איך אוים,
איז פינסטער, וועל איך מאַכען העל...

נו, קום אריין, מיין האַרץ איז פריי, —
מיין הויז, מיין ברויט, מיין גאנץ פאַרמעג...
אָה, קינד, אָה מענש, דו נאַריש קינד,
וואָס לאָזטו אָפּ די בעסטע טעג!...

איך זעה

איך זעה אין דיינע אויגען פייער,—
ווי עס זעצט אַ פלאַם פון הארצען.
איך זעה אין דיינע אויגען ליעבע, —
ביינקשאפט, זוכעניש און שמאַרצען...

איך זעה ווי ס'הויבען זיך די בריסטען,
ווינקען, בעטען שטום אהן ווערטער...
איך זעה ווי ס'שאָקלען זיך די ליפען:
ביזט אַ שלעכטער, ביזט אַ שלעכטער!...

איך זעה ווי ס'ציטערען די קניעס
ווי פון מיעדע לוסט פאַרלאַנגען...
און די פיס זיך בויגען, דרעהען,
ייי די בייזסטע גיפטיגע שלאַנגען...

איך זעה ווי ס'לויפט אַדורך אַ ציטער
דורך די שעהנע מיידעל־גלידער...
כאַפט מיך אויך ארום אַ שוידער,
און איך ווער אַלץ מיעדער, מיעדער...

מעג איך?...

גיב מיר איצט אַ הייסען קוש,
וועל איך קענען רוהיג שלאָפען...
ס'מאַכט דיין קוש מיין לייד צו נישט,
וועקט מיין גלויבען און מיין האָפען...

פונקט ווי אַ באַלזאַם וואָס היילט
שוין פון לאַנג פאַרלאָזטע וואונדען,
אזוי היילט און קיהלט דיין קוש
מיינע וואונדען — לעבענס-שטונדען...

קוש-זשע אוים מיין יעדען גליעד
מיט באַלזאַם וואָס מאַכט פאַרהיילען...
און וועט פרעגען מיך אַ קראַנקער,
זאָג מיר — מעג איך איהם דערצעהלען?...

איך האָב זיך פיינט

איך האָב זיך איצטער פיינט,
איך קאָן זיך ניט פאַרליידען...
נאָר וועה איז מיר און וואונד,
וואָס כ׳קאָן זיך ניט פארמיידען...

איך וויים ווי נישטיג, קליין,
ווי שלעכט איך בין ביז גאָר...
אויף יענעם זאָג איך אלץ, —
ניט בעסער זיך אַ האר

און טאַקע אָט דערפאַר
צו-טריט איך זיך אַליין:
ניט בייז זיי אויף אַ צווייטען,
ווען דו ביזט נישטיג, קליין!...

א האַרץ פון אַ מענש...

איך האָב ניט קיין פּאַלאַץ פאַר דיר, —
קיין גאָלד, בריליאַנטען.
קיין דיענער, באַדיענער פאַר דיר, —
קיין קנעכט אַדיוטאַנטען...

איך האָב נאָר אַ האַרץ פון אַ מענש,
וואָס ליעבט און פאַרגעטערט
דעם מענש וואָס דאָס לעבען פאַרשטעהט,
אין לעבענס-בוך בלעטערט...

עס ליגט אין וועג מיר

איך וואָלט דיר וועלען גרינגער מאַכען,
טייער קינד, דיין לייד און וועה.
בין איך אָבער מיעד, דערשלאָגען, —
קוים מיין וועג אליין איך געה...

אָבער פּאַרט אַליין איז גרינגער,
מעגען שטיינער ליגען פיעל...
קלאפּ איך אָן זיך און צעבלוטיגט, —
שוויג איך, לייד מיר אין דער שטיל...

אָבער דיך מיט זיך גאָר נעהמען, —
גיין, מיין קינד, צו שווער דער וועג...
כ'קאָן ניט זעהן ווי ועסט פאַרשוואַרצען
דיינע יאָהרען, דיינע טעג !...

זיי געזונד און שטאַרק און מונטער,
איך מוז געהן מיין וועג אַליין
ווייל איך ווייס עס ליגט אין וועג מיר
אַזאַ שווערער גרויסער שטיין...

דיינע ווערטער...

דו ווערסט גרויס אין מיינע אויגען,
מיט דיין האַלטען, מיט דיין טהאַט.
יעדער וואָרט וואָס זאָגסט ארוים נאָר,
איז דאָך קלוג און טיעף און גלאַט !...

רעד־זשע ווערטער, איך וויל הערען,
ווייל איך שעפּ פון זיי אַ קראַפט...
דיינע ווערטער — צייטיג־פרוכטען, —
פול מיט קוויקענדיגען זאַפט !...

הער זיך ניט צו.

הער זיך ניט צו וואָס דיין מאַמע ט'דיר זאָגען, —
עס האָט זיך דאָס פייער פון האַרץ איהר'ס פאַרלאָשען.
דאָס לעבען, די ליעבע, די וועהען, די פריידען
זיי האָבען קיין ווערט ניט ביי איהר שוין אַ גראָשען !...

לאָז זיך ניט נאַרען פון מענשען וואָס ווייסען
פון ליעבע, פון לעבען, פון פריידען און צער.
פּרוביר פריהער אוים אַלץ אַליין דאָס צו וויסען,
אַן ס'מאַכט ניט אויב בלייבען וועסט אויכעט אַ נאַר !..

איך ווייס...

איך ווייס ס'וועט דאָס פייער זיך נאָכדעם פאַרלעשען
און פינסטער און וויסט עס וועט זיין יעדער ווינקעל.
מיך פרעהט ווען איך זעה וואו אַ פייער דאָך ברענען, —
אַ ליכט פון אַ שטערען, פון בליץ וואו אַ פינקעל...

איך ווייס ס'וועט דאָס פייער זיך נאָכדעם פאַרלעשען, —
דאָס הארץ וועט זיך צאַפּלען, און האַסטיג דאַן קלאַפּען,
מיך פרעהט אָבער זעהן ווי דאָס פייער צוברענט זיך,
און ביז עס פאַרלעשט זיך האָב צייט איך צו כאַפּען !...

אַנטפּלעק מיר, מוזע !

אַנטפּלעק מיר אָה, מוזע, דעם סוד
פון אונזערען לעבען
צו לוינט זיך גאָר ליידען אָהן שיעור,
און האָפען און שטרעבען...

נאָך וואָס זאָל איך לעבען גענאַרט, —
נאָך מיינען און גלויבען...
זיי מוזע, אַ גוטע מיט מיר, —
דעם אמת ניט רויבען !...

דערצעהל מיר, אַנטפּלעק מיר דעם סוד,
אָהן פחד אָהן שרעק,
ווייל פריהער צו שפּעטער איך וועל
אַליין הויבען די דעק...

קום - זשע אויכעט!

קום אַריין, צושטער מיין אומעט,
ריים אַרויס דעם שטיין פון האַרצען.
מאַך מיך לוסטיג מאַך מיך פרעהליך
און פאַריאָג די פוסטע שמאַרצען!...

כ'בין אין לעבען דאָך אַ וואוילער,
נאָר עס קומען שווערע צייטען...
קום-זשע אויכעט, מיידעל שעהנע,
אַנגסט אויף פרייד דו קענסט פאַרבייטען!...

אָה, ניין!..

איך ליג אין פעלד אַליין
און בליק אין הימעל טיעף...
איך וויל פאַרשטעהן דעם סוד
דעם געטליכען באַגריעף!...

איך ווייס, מיר דוכט, איהם אויך,
נאָר דאך ניט דאָס איז ער...
נו, זאָגט-זשע מיר נו, זאָגט,
צו ווייסט איהם עמיץ ווער?...

אַ מענש, אַ סוד, אַ טרוים...
אַ בלום, אַ בלאַט, אַ בוים...
איך ליג אין פעלד אַליין,
דעם סוד איך ווייס? אָה ניין!

בעסער שוויג !

עס געפעלט מיר ניט דיין שמייכעל, —
דיינע ווייכע, זיסע רייד,
און עס שניידט מיין האַרץ מיט מעסערס
דיין געטריישאפט און דיין לייד...

בעסער שוויג, ניט רעד קיין ווערטער,
ווייל זיי זיינען פאַלש און קליין...
ביזט דערצו נאָך אזוי נאַריש —
מיינסט איך קען דיך ניט פאַרשטעהן !

ביינאַכט...

איך האָב געהערט ביינאַכט זיך טראָגען קלאַנגען,
זיי זיינען זיך אין הימעל־רוים צוגאַנגען...
זיי זיינען אויסגעמישט געווען מיט וועה און ליעבע,
געטראָגען האָבען טענער זיך אי האַרציגע, אי טריעבע...

און איך בין שטיל אין גאַס אַרומגעגאַנגען,
און איינגעזאַפּט אין זיך די אַלע קלאַנגען...
אויף מאָרגען פריה האָב איך זיי אויסגעזינגען,
און ס'האָבען טענער אַנדערע געקלינגען...

אַזוי געה איך ביינאַכט ווען אַלע רוהען,
איך ציה אריין אין ברוסט מיט לופט אויך קלאַנגען.
און ווי אַ קונצענ־מאַכער טוט פון מויל זיינס ציהען,
אזוי ציה איך פון פען אויך פערזען־שלאַנגען !...

איך בלאָנדזשע אום !

איך בלאנדזשע אום אין גאַס אַליין,
די לופט איז פריש, געזונט און ריין...
עס נאָגט אַ עלענד שטילערהייט,
דאָס הארץ איז אָנגעפילט מיט לייד...

און קיינער קומט צו מיר ניט צו,
צושטערען קיינער וויל מיין רוה...
עס ציהט אזוי דאָס האַרץ אין בעט,
און בייַנקט נאָך צערטלען, נאָך אַ גלעט...

איך דרעה מיך אום אַהין, אַהער,
איך מיין אַז קומען וועט דאָך ווער...
עס פּלאַצט אַקאָרשט מיין הארץ פאַר וועה,
מיר דוכט אָט גיב איך אַ געשריי !...

מיר דוכט אָט ווער משוגע איך
און גלייך וועל איך אַ וואַרף טון זיך !
צערייסען פיצעלעך פון זיי, —
וואַרום זיי שטילען ניט מיין וועה...

נאָר כ׳בלאָנדזשע אלץ אַרום אַליין,
די לופט איז זומערדיג און ריין...
עס וויינט דאָס האַרץ און בייַנקט און קלאָגט,
און קיינער רופט — און קיינער זאָגט !

זאָלסט ניט וואַגען

אויב דו ווילסט צו מיר אַריינגעהן
און אַ טרייסט־וואָרט מיר גאָר געבען,
זאָלסטו וויסען אַז פאַרביטערסט
ערגער נאָך דערמיט מיין לעבען...

דו קענסט קומען און אַוועקגעהן,
כ׳גלויב דיר מעהר ווי דיינע ווערטער...
וועסט מיר פריידען מעהר פאַרשאַפען
מיט דיין לוסטיגען געלעכטער...

וועסט מיר כאָטש דערמיט ניט וועה טון,
ווייל איך זעה אין דעם קיין ליגען,
אָבער טרייסטען מיך, ווי שרעקליך!
דאָס זאָלסטו זיך ניט דערוויגען.

זאָלסט ניט וואַגען דאַן אַריינגעהן, —
ווייל איך קאָן דאָס ניט פאַרטראָגען.
כ׳קאָן ניט זעהן דיין פאַלשע צורה,
ווען עס ווילט זיך ווײנען, קלאָגען!...

דאָס לעבען רופט

ערלויב מיר געבען דיר אַ קוש,
ווייל דו ביזט שעהן.
און ווילסטו וועל איך איבעראַל
מיט דיר איצט געהן...

איך בין אַ פרייער מענש אַדאַ, —
אַליין און פריי...
דאָס לעבען רופט אי דיך, אי מיך, —
מיט לעבען זיי !...

גריבלאך...

די גריבלאַך אין די באַקען דיינע
האָבען דאָך אזוי פיעל חן...
ווען דו לאַכסט באַקומט די וועלט
אַנאַנדער אויסזעהן — פרעכטיג, שעהן...

האָב איך טאַקע אַ בקשה, —
לאַך און מאַך מיין וועלט מיר שעהן...
דיינע גריבלאַך... באַקען־גריבער,
כ׳וויל פון וועלט צו אייך גאַר געהן...

ביז ס׳איז נאך ניט שפעט...

איך פיהל איך פאַרליר מיין פאַרשטאַנד,
עס האלט שוין גאנץ ווייט,
און שולדיג אין דעם איז די צייט...

איך קאָן ניט פאַרטראַגען דאָס מעהר, —
דאָס לעבען מיך רופט ערגיץ וואו ;
נאָך ליעבע, נאָך שעהנקייט און רוה...

און עמיץ מיך האלט אויף אַ קייט, —
עס צאַפּעלט דאָס האַרץ זיך און בעט:
אָה, לאָזט מיך ביז ס'איז נאָך ניט שפּעט!...

ווייזט אויס...

דו ביזט ענטוישט אַזוי ווי איך, —
דאָס לעבען האָט דיך אויך גענאַרט.
און פּונקט ווי איך אַזוי האָסטו
פון לעבען אַזוי פיעל ערוואַרט...

און פּונקט ווי איך האָסטו דערזעהן
דעם וויטען טרוים וואָס בלייבט אַ טרוים...
האָסט אויך געגלויבט דערגרייכען ווען,
אַזוי ווי איך דעם הימעל-זוים...

עס האָט דיין האַרץ געגריסט פּאַר פרייד,
אַזוי ווי מיינס דעם פריהלינגס-גאַסט...
און ס'האָט אַ טיעפער וועה גענאָגט,
און האָסט ווי איך דעם הערבסט געהאַסט...

דו האָסט געזוכט, אַרומגעזוכט
אַזוי ווי איך דאָס לעבען וואו...
און פּונקט ווי איך האָסטו קיינמאָל
אַדאָ געהאַט אַביסעל רוה...

טאָ קום אַהער מיין טרוימען-זוך,
ווייזט אויס מיין טרוים ביזט טאַקע דו...
וועסט זוכען לאַנג, געפונען ניט
אין ערגיץ וואו, קיין גליק און רוה...

איז מעגליך דען?...

מיר דוכט זיך אָפט ווי גרוים דו וואָלסט דאַן אויסזעהן,
ווען קומסט אריין צו מיר אין הויז אין מיטען-נאַכט.
דו נעהמסט מיך שטיל אַרום, און דריקסט זיך צאַרט צו מיר
און דו אַנטפּלעקסט פאַר מיר דיין יונגע מיידעל-פּראַכט!...

און דו באַגליקסט מיך מיט די שענסטע הימעל-גליקען,
וואָס דאָס פאַרמאָגט נאָר דער וואָס גאָט איהם ליעבט
ווי אייזען שטארק איך וואָלט דאַן קענען ביישטעהן,
ווען דאָס לעבען מיך דערנאָך באַשטראָפט, באַטריעבט!...

איך ציטער אויף ביים מינדסטען שאָרך פון גלויבען, —
מיין הארץ פאַרצאַפּעלט ווערט פון גליק און הימעל-פרייד...
איך מאַך די אויגען צו און גלויב — עס ווילט זיך גלובען,
אַז כ׳זעה אין האלבער נאַכט דיין לייכטע אָווענד-קלייד...

אָה, גאָט! איז מעגליך דען, אַז מענשען ווערען ריעזען,
און קומען טהיילען פריי דאָס גליק פון דיין געשאַנק?
איך בעט פאַרגיבען מיר, ווייל איך האָב פיעל געזינדיגט,
און האָב איך דיך געלעסטערט, טוט מיר וועה און באַנג!...

און האָב איך ניט געגלויבט, וועל אָנהויבען איך גלויבען,
אַז גאָט און מענש אַ צווילינג איז שוין לאַנג...
איך ציטער אויף ביים מינדסטען שאָרך פון גלויבען:
מיר דוכט איך הער פון מיידעל-טריט אַ קלאַנג!...

ס'אַ שטילינקע בראַנד.

עס האָט זיך צובּרענט שוין דאָס פייער אין מיר
אין האַרצען דאָרט טיעף!...
נאָר קיינער וועט קומען פאַרלעשען דאָס פייער, —
זאָל ברענען דאָרט טיעף!...

אַ פייער, מ'ווייסט וואָס איז פייער אַזעלכעס:
ס'פלאַקערט, ס'איז הייס...
נאָר וואָס פאַר אַ פייער עס ברענט אין מיין האַרצען
קיינער נאָך ווייס!...

דאָס איז אַ פייער וואָס ברענט ניט מיט פלאַמען, —
ס'אַ שטילינקע בראַנד...
ניט איינער זיך שעהמט צו דערצעהלען דעם אמת,
צו איז דאָס אַ שאַנד?...

נאַרישקייטען

זיץ איך אינ'ם פּאַרק פאַרטראַכט, —
כ'ווייס אַליין ניט וואָס איך טראַכט...
ס'איז שוין באַלד אַוועק דער טאָג
און עס קומט שוין אָן די נאַכט.

אויפ'ן באַנק ניט ווייט פון מיר
זיצט זי גיט זיך ניט קיין ריהר.
נאַרישקייטען, זי איז פרעמד...
ניין, זי איז אַ פריינד צו מיר!...

נו — זאָג אַליין

ווי גראַציעז דיין קערפּער איז, —
ער בויגט זיך ווי אַ יונגער בוים...
דו ביזט פאַרבייגעלאָפען מיר,
ווי ס'לויפט פאַרביי אַ פריהלינגס-טרוים

איך האָב דיר נאָכגעקוקט נאָך לאַנג,
און ס'האָט מיין הארץ געצאַפּעלט שטיל, —
ווי שעהן, ווי ריין, ווי גוט, ווי היים
דו האָסט ערוועקט אַ וועה-געפיהל!...

אַ וועה-געפיהל מיט לוסט און גליק,
וואָס פילט דאָס האַרץ מיט פרייד גאַר אָן...
נו, זאָג אַליין, מיין מיידעל-טרוים,
וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך טון?...

מיר איז ווייניג

מיר איז ווייניג זונען שטראַהלען,
ס'איז מיין בלוט אין מיר דערפרוירען.
מיר איז ווייניג אַזאַ ליעבע,
ווייל זי קאָן ניט לאַנג געדויערען...

איך דאַרף האָבען סנאָפּעס פייער,
אַז זיי זאָלען ברענען, גליהען...
און אַ ליעבע היים און ברענענד, —
ווינטער זאָלען בלומען בליהען!...

ווען ?

איך וועל דיינע ווייכע פינגער
האַלטען אין מיין האַנד,
ווען אַ פייערל דאַן ברענען
מיט אַ שטילער בראַנד... —

וועל איך דיינע הענד די צאַרטע
קנייפּען דיר ביז וועה...
ווערסטו זיך אַזוי פאַרקרימען,
געבען אַ געשריי...

דעמאלט וועל איך דיך מיט פייער
טון אַזאַ מין ברען...
דיינע ליפּען שעהנע שעפּטשען:
ליעבענקער, נו ווען ?...

אַנ'אוצר

איך האַב אין לעבען זעהר ווייניג
אום מיין מיעדע זעעל צו קוויקען,
נאַר איך וועל דאַרויף ניט קלאַגען, —
כ'וועל מיין וועה אין זיך דערשטיקען...

איך האַב אַבער וואו אַנ'אוצר,
וואָס דערהאַלט מיך איצט ביים לעבען.
אַט דער אוצר איז קיין גאָלד ניט, —
נאַר דאָס האָפענונג, דאָס שטרעבען!...

עס ביינקט זיך

עס טוט מיר וועה דאָס האַרץ;
עס בייקנט זיך ערגיץ וואו...
מיך מוטשעט אַ פערלאַנג
און גיט מיר ניט קיין רוה.

איך לויף אַוועק אין פעלד,
און וואלד, צום טייך, צום קוואַל.
איך זוך אַ אָפּרוה מיר, —
אַ ליכט, אַ טרייסט, אַ שטראַהל...

נאָר וואו איך קוק איז פוסט,—
קיין טראָפען פרייד און גליק.
און שטיל, דעם קאָפּ געבויגען
געה איך מיר צוריק...

און ווילט זיך מיר וויינען

עס האָט זיך פאַרוואָלקענט דער הימעל
און באַלד וועט אויך גיסען אַ רעגען.
אַ, ווילט זיך דעם הימעל צעוויינען,
טוט ער ביי קיינעם ניט פרעגען...

און ווילט זיך אויך מיר אַ מאָל וויינען,
ווען וואָלקענס באַדעקען מיין לעבען...
וויל מיר אפילו דאָ קיינער
אַ פּלאַץ — אין אַ ווינקעלע געבען...

ווי שווער

עפען אויף מיין טיר אצינד
און קום אריין.
אפשר וועט דיין מילדער בליק
מיר ברייננען שיין ?...

אפשר וועט דיין ווייכע האַרץ
מיר מאַכען לינד...
אַך, ווי שווער עס איז מיר איצט, —
מיין טייער קינד !...

אַך, ווי שווער עס איז מיר איצט, —
גאַר אָהן אַ גרונד...
ס'האַט צולאָזט זיך און צושפּיעלט
מיין אַלטע וואונד !...

אָה נאַכט !

ס'קוקט אויף מיר די שטילע נאַכט,
ווי מיין פאַטער פלעגט ווען בליקען,
ווען איך האָב איהם וואָס דערצעהלט, —
זיך געמאָלען יוגענד-גליקען...

ס'איז זיין בליק כאָטש ווייך געווען,
אָבער שוואַך געמאַכט מיין גלויבען...
נאַכט, אָה נאַכט, אָה, שטילע נאַכט,
ווילסט מיין לעצטע האָפנונג רויבען ?

ס'איז קיין אומגליק

אָה, לאָז צורוה מיך שוין דו האַרץ,
וואָס מאַכסטו מיר מיין לעבען שוואַרץ !...
ס'איז קיין אומגליק ווען מ'ליידט, —
אַ חרפּה איז נאָר ווען מ'שרייט....

פאַרטראָג דיין לייד געדולדיג, שטיל, —
עס איז דיר שווער, איך וויים און פיהל !...
דאָס לעבען מוז דאָך אַזוי געהן,
עס מאַכט ניט, לאָז אַ טרעהר און וויין !...

אַ טרעהר, אַ זיפץ, נאָר מונטער זיי
און ליידען גרייט זיך אויפ'עס ניי !...
דאָס לעבען איז אַ שעהנע שפּיעל, —
אַ כישוף-טאַנץ — אַ קאַדעריל...

מעגליך

קוק איך איין זיך אין דער נאַכט,
הויבט דאָס האַרץ זיך אָן צו שרעקען:
אַזאַ פינסטערניש אַרום
ציהט זיך איבער ווייטע שטרעקען...

לאָז איך מיר אין ווייט צו געהן
מיט די איינגעהילטע וועגען,
זעה איך אָבער ניט קיין שיין,
נאָר איך וואַג ניט קיינעם פרעגען...

זאָל זיך יעדער געהן זיין וועג,
אפשר איז זיין וועג גאָר ליכטיג.
מעגליך מיינער האָט אויך ליכט,
נאָר עס איז מיין בליק ניט ריכטיג!...

צייט

דו ווייסט דאָך, צייט, —
מיך שרעקט קיין זאַך ניט אָפּ.
איך האַלט זיך שטאָלץ און גרויס,
ניט לאָז דעם קאָפּ אַראָפּ!...

ווי שווער עס זאָל ניט זיין,
פּרוביר איך מאַכען גרינג
און מעג דער טאָן זיין פאַלש, —
איך בעסער אוים דעם קלינג!..

איך לייג אַריין מיין איך
איך הויב זיך אויף גאַנץ הויך
און פעדער קיין געהאלט...
און ווייס אַז עפּעס פאַלט...

עס פאַלט אַ שווערע זאַך
און שטויסט מיך ערגיץ טיעף...
פאַרשטעהסטו מיך כאָטש, צייט,
און האָסטו אַ בעגריעף?...

אַ ליעד...

ניט טראַכט צו פיעל
און לעב אַ סך, —
ס'איז גוט !...

ניט זאָרג צו פיעל
און עס אַ סך, —
קומט בלוט...

ניט שטאַרב צו פיעל,
נאָר איינמאָל שטאַרב,
ס'איז גוט !...

ניט לעב צו פיעל,
נאָר לעב און שטאַרב
מ'רוהט...

איז ריכטיג

פליסען טרעהרען, גיסט זיך בלוט, —
מילא, זאָלען מנעשען וויסען !...
ס'איז דאָס לעבען פריי און גוט,
נאָר זיי קענען זיך ניט גריסען...

ערגיץ אָבער פליסט אַ טרעהר —
איז זי היילעג, איז זי ציכטיג...
ערגיץ וויינט אַ מוטער שטיל :
אַט די איינע טרעהר איז ריכטיג !...

שטילע נאַכט

אָה, שטילע, שטילע נאַכט,
פאַרנעהם מיין הייסע טרעהר!
ווער האָט מיין רוה געררויבט
צושטערט מיין גלויבען ווער?...

כ'האָב אַזוי שטאַרק געגלויבט, —
געליעבט, געהאָפט, געשטרעבט,
נאָר ווינד איז מיר און וועה,
צו וואָס איך האָב דערלעבט!...

קיין גלויבען אויף אַ האָר,
קיין ליעבע אויך ניט מעהר...
געבליבען איז מיר נאָר
אַ הייסע, טריבע טרעהר...

זי ווייגט זיך גאָרניט אוים,
און טרוקענט גאָר ניט איין...
נו, זאָג מיר, שטילע נאַכט,
וואָס וועט דערפון דען זיין?...

וואָס וועט דערפון דען זיין, —
אַ טרעהרען־קוואַל אָהן גרונד...
צו וועט פאַרהיילען זיך
מיין שטערבליך־טיעפע וואונד?...

כ׳בין מקנא

איך בין אייך מקנא, בלומען, —
איהר האָט ווידער זיך צובליהט,
ס׳האָט דער פריהלינג פרייד געבראַכט אייך,
אָבער מיר איז איצט ניט גוט!

ס׳ווילט זיך אויכעט בליהען, וואַקסען,
פריהלינג, אַך, ווי דו ביזט שעהן!...
פיעלע וועגען, פיעלע גאַסען,
און איך האָב ניט וואו צוגעהן...

מענשען געהען, מענשען לויפען, —
יעדער האָט זיך זיין באַגעהר.
פריהלינג, זאָג מיר אפשר ווייסטו,
וואָס איז מיר אַזוי איצט שווער?...

שווער און ביטער אָהן אַ גרעניץ, —
טונקעל אָהן אַ ביסעל שיין...
פריהלינג, זאָג מיר אפשר ווייסטו,
ביז ווי לאַנג וועט אַזוי זיין?.

ביז ווי לאַנג וועט דאָס געדוירען,
ס׳מוז דאָך קומען וועז אַ ענד!...
כ׳האָב שוין מעהר קיין כח צו ליידען,
ס׳איז מיין הארץ פאַרקוילט, פאַרברענט...

ס׳ווילט זיך בליהען, ערגיץ פליהען,
אין דער גרויסער, ברייטער וועלט...
פריהלינג, זאָג מיר אוים דעם אמת,
ווער האָט מיר דעם וועג פאַרשטעלט...

פריהלינג

גראָזען גרינען, בלומען בליהען,
ס׳איז דער הימעל לויטער, טיעף...
פריהלינג, פריהלינג, קיינער ווייסט ניט, —
האָט אין דיר גאָר קיין באַגריעף!...

קיינער ווייסט ניט, קיינער פיהלט ניט,
פריהלינג, פריהלינג, דיך צו קענען
ווען די בוימער מורמלען שטיל...
מוז מען האָבען אַ געפיהל!...

דיך צו קענען, דיך צו וויסען
דאַרף דאָס הארץ זיין ווייך און גוט...
פריהלינג, פריהלינג, אויב איך קען דיך
קאָסט דאָס מיר געזונד און בלוט!...

צו דער וועלט...

ס׳ווילט זיך מיר שיקען אַ ברכה פון הארצען,
און קושען דעם שטויב פון דיין ערד,
נאָר אַלץ איז פאַרהילט אין אַ נעבעל אַ שוואַרצען,
און ס׳הערט זיך דער בראָזג פונ׳ם שווערד...

ס׳ווילט זיך מיר ליעבען נאַטור און די מענשען,
נאָר כ׳קאָן ניט, איך וויים ניט פאַרוואָס;
ס׳ווילט זיך מיר ליעבען און יעדערען בענשען,
נאָר כ׳קאָן ניט, — עס פיהלט זיך פאַרדרוס.

הערבסט

ס'וואָרעמט שוין ניט מעהר די פריהלינגס-זון,
נאָר ס'בלאָזט אַ ווינט וואָס שרעקט מיין פיהלענד האַרץ...
עס וויינט דער הימעל שטיל... עס וויינט די גאנצע וועלט,
און איינגעהילט עס איז דער האָריזאָנט אין שוואַרץ...

און ענג עס ווערט אַרום... עס ווערט דער אָטעם שווער,
פאַרדומפּען און פאַרשטיקט עס איז אַרום די וועלט...
פאַרוויאַנעט יעדער בוים, פאַרוועלקט איז יעדע בלום,
און ס'טראָגט זיך שוין ניט מעהר פון פעלד
דער פרישער דופט...

עס טראָגט זיך שוין ניט מעהר פון גראָזען גוטער ריח —
אַ גרויזאַם-בייזע האַנט האָט אַלעס איצט צושטערט...
עס שפּרייזט אַ בייזער גייסט אין יעדער ווינקעל אום,
און אַלעס וואָס איז שעהן פאַרניכטעט ער און ברעכט...

און ס'העלפט ניט קיין געבעט, עס ריהרט קיין הייסע טרעהר,
דער בייזער גייסט האָט נאָך פון מיטלייד ניט געוויסט...
און קריגט ער נאָר די מאַכט, פאַרלוירען איז דאַן אַלץ,
ער שטילט זיין תאוה נאָר ווען אַלעס איז צו נישט...

און שטיל עס איז אַרום... עס פלאַטערט יעדע זאַך,
הכנה'דיג דעם קאָפּ, בויגט אַלעס פאַר'ן גייסט...
עס וויינט דער הימעל שטיל... עס קלאָגט די גאנצע וועלט:
עס קומט דער הערבסט, ער קומט, מיט ריעזען-טריט
ער שפּרייזט...

סוחריש...

וויסט דאָך, שיקזאל, כ׳בעט ניט פיעל,
מיר געפעלט אזאַ מין שפיעל
אָבער זיי נאָר ניט פאַרשייט
און מיין מזל ניט פאַרבייט!...

ווייל איך בין שוין גוט געניט, —
כאַפּ ניט איינמאָל אזאַ שניט,
אַז דאָס בלוט צופליסט זיך ווייט,
פאַר אַן אומבעשטימטער צייט...

שיקזאַל, לאָמיר האַנדלען פיין,
סוחר׳יש זאָל עס ביי אונז זיין:
צוואַנציג יאָהר אַז איך טראָג לייד,
איצטער זאָל שוין קומען פרייד!...

ניט איך ווין און ניט איך לאַך

קומט דער פריהלינג אַן דער ליעבער,
פרעהט זיך בוים און בלום און טייך.
שיינט אַ פריהלינגס-זון נאָר אויפ׳עט,
שיינען אַלע אויפ׳עט גלייך...

קומט דער הערבסט דער בייזער, נאַסער,
קלאָגען בוים און בלום און טייך,
גיסען רעגענס, בלאָזען ווינטען,
גיסען טרעהרען אַלע גלייך...

איך אליין נאָר שטעה פון וויטענס,
קוק זיך צו, צו יעדער זאַך...
קומט דער פריהלינג, קומט דער הערבסט אָן
ניט איך ווייז און ניט איך לאַך!...

און ווידער

און ווידער איז מיין בײנקשאַפט גרויס,
מיין ליעבע ווי אַ פייער ברענט.
קאָן זיין ביי מיר איז גליק געווען,
נאָר כ'האָב פארשאַרט דאָס מיט די הענט...

און ווידער ציהט אַ וואונדער קראַפט, —
די וועגען געה איך אוים פיעל מאָל...
איך בענש דיין זיין, — דיין טייער הארץ,
און קוש איעדען טריט אָהן צאָהל...

און ווידער ווער איך ווילד אַ שרעק,
ווען ס'דוכט זיך מיר אַט קומסטו אָן.
עס קלאַפט איעדער נערוו אין מיר, —
וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך טון?...

און ווידער ווער איך בייז אויף דיר,
אויף זיך, אויף הימעל, ערד און בוים...
נאָר ניין, ניט בייזער זיך, דו נאַר,
איצט איז דאָס נאָר אַ טרוים, אַ טרוים!...

קלאַנגען ווי דיינע

א פויגעלע האָט זיך געזעצט אויף מיין פענסטער
און מיר אַ ליעדעל געזינגען.
האָבען די קלאַנגען גאַנץ טיעף אין מיין הארצען,
טיעף דאָרטען, טיעף אָפּגעקלינגען...

און ס׳איז אַוועק שוין דאָס פויגעלע ערגיץ,
כ׳האָב שוין אין דעם באַלד פאַרגעסען,
אָבער די קלאַנגען, די זיסע און ווייכע
האָבען אין הארץ זיך פאַרזעסען...

האָבען אין הארץ זיך פאַרזעסען, פאַרקליבען,
און ס׳איז אַ וועהטאָג געוואָרען...
פויגעלע, פויגעלע! קלאַנגען ווי דיינע,
געהען ביי מיר ניט פאַרלאָרען!...

איך וויים

(מיין ברודער ו. ראגאטשעווסקי)

איך וויים... עס איז דיין הארץ
נאָך טיעפער פונ׳ם ים...
און אויפ׳ן גרונט פון הארץ
איז דאָ אַביסעל סם!...

נאָר גיב דאָס ניט אַרוים,
האָב מיטלייד מיט דער וועלט,
ווייל יעדער סיי ווי סיי
זיין שיקזאל דאָ פאַרשעלט...

גערדאַנקען...

לאָזט מיך לעבען, איהר געדאַנקען, —
שווער עס איז מיט אייך צו זיין.
איהר מאַכט טונקעל, איהר מאַכט חושך
יעדעם ליכטעל, יעדען שיין!...

כ'וויל ניט טראַכטען, כ'וויל ניט דענקען,
דאָס פאַר'סמ'ט אין מיר מיין בלוט...
אָהן געדאַנקען אויפ'ן וועלטעל
וועט געוויס זיך לעבען גוט!...

לאָזט מיר רוהען, לאָזט מיר לעבען, —
כ'וויל ניט טראַכטען וואָס און ווען...
קומען אָבער אָן געדאַנקען,
און עס גיט מיין הארץ אַ ברען!...

קומט אָן אַ כוואַליע

...קומט אָן אַ כוואַליע און קלאַפּט זיך אין שיפעל,
וועקט אויף די מיידעל פון טיעפען געדאַנק...
הויבט זי דעם קאָפּ אויף און ס'בלאָנדזשעט פאַר'חלום'ט
איהר בליק ערגיץ ווייט פול זאָרג און פול באַנג...

קומט אָן אַ ווינטעל פון געגענדען ווייטע,
צערטעלט און קושט אוים איהר שעהנעם געזיכט.
גיסט זיך פון אויג אוים אַ טרעהריל אַ הייסע,
און ס'צינדט זיך אין הימעל שוין אָן דאָרט אַ ליכט...

ווערען די כוואַליעס נאָך שטאַרקער און בייזער,
קלאַפּען און רייסען דאָס שיפעל פון ברעג...
וואָלט זי זיך לאָזען אין וועלטען אין ווייטע, —
ווייסט זי אַז שווער איז און שרעקליך דער וועג...

מיין ברכה

אויב איך האָב דיין רוה גערויבט,
און האָב דיין גליק צושטערט
מיין קינד! עס איז ניט קיינעס׳ס שולד, —
ס׳איז דיר אַזוי באַשערט...

איך האָב געזעהן דו בלאָנדזשעסט אום,
ביזט עלענד און אַליין.
עס זוכט דיין בליק אַ אָפּרוה וואו,
נאָר האָסט ניט וואו צו געהן...

האָב איך פאַר דיר דאָן אויפגעמאַכט
די טיר פון מיין געצעלט,
און האָב אַוועקגעגעבן דיר
מיין לעבען און מיין וועלט !...

נאָר ענג איז דיר געוועזן מיין צעלט,
דיין האַרץ האָט וואָס געגלוסט...
און ביזט אַוועק פון מיר — אַוועק
זיך זוכען פרייד און לוסט !...

איצט שטעהסטו ווידער ביי מיין טיר, —
ווי מיעד עס איז דיין בליק !
און ווילסט אַצינד ביי מיר אין צעלט
געפינען רוה און גליק ?...

נאָר, טייער קינד, מיין צעלט איז צו,
פאַרשלאָסען איז די טיר,
איך קאָן ניט שטילען מעהר דיין לייד
און אָפּווישען די טרעהר!...

כ'קאָן געבען דיר מיין ברכה נאָר
אין וויטען, שווערען וועג...
און וואָס מיט דיר זאָל ניט געשעהן,
פאַרגעס ניט יענע טעג!...

דער פריהלינג איז געקומען

דער פריהלינג איז געקומען,
איך אָטעם ווידער פריי —
די בוימער און די בלומען
זיי בליהען פון דאָס ניי...

איך געה אין פעלד שפּאַצירען,
כ'זעץ מיך אונטער אַ בוים;
ס'ערוואַכט אין מיר מיין יוגענד,
מיין זיסע פריהלינגס-טרוים...

איך ליעב דאָס פויגעל-זינגען
דאָס טייכעלע וואָס פליסט, —
און זשוקעלע און פליגעלע,
וואָס פריהלינגס-גליק געניסט...

איך ליעב דעם בלויען הימעל, —
דעם וואַלד, וואָס שטענדיג טראַכט...
איך ליעב דעם פריהלינג'ס-רעגען;
איך ליעב די שטילע נאַכט!...

דער פריהלינג איז געקומען,
איך אָטעם טיעף, און פריי,
און ס'רופט אַ קול פון ערגיץ,
מיין קינד! איצט פרעהליך זיי...

פריהלינג...

ווידער שיינט די זון און וואַרעמט,
ווידער קושט זי מיך און גלעט,
און די שטראַהלען מילדע פאַלען
גלייך אַריין צו מיר אין בעט...

ווערען מיינע מיעדע גליעדער
ריהרעוודיג און שטאַרק, און פריי,
פיהל איך, אַז אַ קראַפט פון יוגענד
קעהרט זיך אום צו מיר אויפסניי!...

הויב איך אויף זיך שנעל פון בעטעל,
טו די קליידער אָן געשווינד,
און דאָס האַרץ מיינס צאַפּעלט, פרעהט זיך:
כ'פיהל מיך גליקליך ווי אַ קינד!...

כ'לאָז מיך גלייך אַרוים שפּאַצירען,
כ'בלאָנדזשע אום גאַס איין גאַס אוים;
כ'פיהל דעם עלענד ניט וואָס ווינטער,
ס'איז די וועלט איצט ברייט און גרוים!...

און דאָס טייכעל שלאָפט ניט מעהר;
ס'איז דאָס פעלד, דער וואַלד איצט אָפען,

ס׳איז דער הימעל בלוי און לויטער,
ווערט דאָס לעבען אויך ניט שווער!...

ווער איך ווי אַ פרייער פויגעל,
וואָס פליהט אום וואוהין ער וויל,
כ׳פליה אין פעלדער, כ׳פליה אין וועלדער,
זיץ ביינאַכט אין צימער שטיל...

כ׳זיץ אין צימער און איך וועב מיר
שטילערהייד אַ פריהלינגס-טרוים,
„גאָט אין הימעל! מאַך איהם בליהען,
ווי די בליטהען אויף אַ בוים“!...

צום פויגעלע

פויגעלע, פויגעלע! זאָג מיר, דערצעהל
צו לעבט זיך אין פעלד דאָרטען פריי?
געניסטו פון גליק, פון ליעבע און פרייד,
ווען ס׳זענען די קעלטען פאַרביי?...

זאָג מיר, דערצעהל מיר צו איז אויך אין פעלד
אַזוי ביטער דאָס לעבען און שווער...
און הערט מען דאָרט קרעכצען אַזוי ווי ביי אונז, —
פאַרגיסט מען דאָרט אויכעט אַ טרעהר?...

צו רייסט דאָרטען איינער ביי׳ם צווייטען ביי אייך
פון מיילער דעם ביסען אַרויס?...
צו איז אויך דאָרט שנאה און קנאה און האָס
ביי אייך ווי ביי אונז אַזוי גרויס?...

מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס פויגעלע זיפצט,
באַמערקט האָב איך ליידען אָהן שיעור...
אַ קלאַפּ מיט די פליעגעלאַך... און ס׳איז אַוועק, —
אויך דאָרט מוז דאָס לעבען זיין שווער!...

באַגעגענסטו אַן אָרעמאַן

באַגעגענסטו אַן אָרעמאַן, מיין קינד,
אין מיטען גאַס,
וואָס איז פון ליידען מיעד,
פון הונגער בלאַס...
דאַן שטעל זיך אָפּ!...

נעהם אַן איהם ביי דער האַנד און פיהר איהם
צו דיין היים אַוועק,
רעד איהם אוים דאָס הארץ, —
פאַרטרייב זיין שרעק
און גלעט זיין קאָפּ!...

דען ס׳איז דער שיקזאַל בייז
און גרויזאַם אָהן אַ שיעור...
צו דעם וואָס גיט קיין טרייסט,
און ווישט ניט אָפּ קיין טרעהר
פון ברודער׳ס אויג...

און זיעבען מאָל — נאָך מעהר
ווערט ליידען אָט אַדער,
וואָס האָט אַ הארץ ווי שטיין, —
ווי אייזען שווער...
און ס׳טוט זיך ניט קיין בויג!...

איך שמייכעל און לאַך

פיעל מענשען ווען זיי פיהלען שלעכט,
און אויפ׳ן הארצען ווערט זיי שווער,
לויפען זיי אַוועק צו פריינד,
און גיסען אויס פאַר זיי אַ טרעהר...

און פריינדע רעדען אויס דאָס הארץ,
מיט גוטע ווערטער טרייסטען זיי,
און יעדער העלפט מיט וואָס ער קאָן
צו לינדערען דעם חבר׳ס וועה...

אָבער איך, ווען ס׳ווערט מיר שווער,
כ׳זיץ אין צימער שטיל, אַליין...
איך ציה די פאָרהאַנגען אַראָפּ,
ניט זעהן זאָל יענער ווי איך וויין!...

ניט וויסען זאָל אַ צווייטער, אַז
אַ וואָרעם טאָטשעט שטיל מיין הארץ;
ניט זעהן זאָל ער די וואונד ווי טיעף,
ווי אונענדליך עס איז מיין שמערץ!...

איך שמייכעל אָבער, שטיף און לאַך
מיט מענשען ווען אין גאַס איך געה,
מיין שמייכלען מאַכט זיי אויפגעלייגט.
און מיר איז אַך, און וויינד, און וועה!...

נאַך שטורעם נאַכט....

(געווידמעט סילין)

שלאָף מיין קינד, נאָך שטורעם-נאַכט,
בויג דיין מידען קאָפּ,
מאַך דאָס שווערקייט לייכט און גרינג,
ניט פאַל ביי זיך אַראָפּ!...

אַ אָרעם הויז... אַ פרעמדע בעט...
אַ הימעל הויך און טיעף...
עס ליגט אין דעם אַ טיפער מיין,
נאָך טיפער דער באַגריף!...

אַ ליידען-דריק מיט ליעבע פול
און אויסגעמישט מיט וועה...
ס'איז גוט און שלעכט, ס'איז אָבער פאָרט
דאָס לעבען אָט אַזוי!...

אַ שרעק פאַר גליק... אַ גלוסט נאָך גליק...
אַ פיבער-טאַנץ מיט גאַל...
און גוט און פרום, און בייז און שלעכט
די ווערסט אין אַזאַ פאַל...

נו, שלאָף שוין איין, פאַרשייטעם קינד,
די נאַכט איז שוין פאַרביי,
דאָס גליק פון פרייד פון שרעק און גלוסט
זיך גנב'עט אויף דאָס ניי!...

און וועל דעם קנויל צוּוויקלען איך

איך וויל ניט טראַכטען פיעל,
צו וואָס ?
געדאַנקען האָבען ניט
קיין מאָס !...

איך וויל ניט אויפדעקען
מיין וואונד, —
צו וואונדען איז ניטאָ
קיין גרונד...

כ׳וועל בעסער לאַכען פיעל,
ס׳איז גוט...
פון לאַכען קומט צו
עמער בלוט...

כ׳וועל בעסער לוסטיג זיין,
ס׳איז וואויל...
דאָס לעבען איז
אַ כישוף-קנויל.

כ׳וועל בעסער וויקלען
אָט דעם קנויל...
די קניפּען רייסען
מיט׳ן מויל...

און וועל דעם קנויל
צוּוויקלען איך :
צום שפּיעל אַן ענדע
וועט זיין גיך !...

קום שוין גיכער

און ווערט אויפ׳ן האַרצען מיר אומעטיג שווער,
עפען אויף, שעהנע, מיין טיר,
ווייל פיהלען זיך גליקליך אַמאָל קאָן איך נאָר,
ליעבינקע מיידעל, מיט דיר!...

איך ווער דאַן אַ שטיפער, — אַ פויגעלע פריי,
איך שפּרייט מיינע פליגעלאך אויס
און ס׳דוכט זיך מיר אויס, אַז אין דיזער מינוט
איז די וועלט אַזוי שעהן, אַזוי גרויס...

איך טראַכט ניט און זאָרג ניט, איך פיהל אַז איך לעב,
און לאַז אַלעס אָפּ מיט׳ן ווינד...
כ׳פאַרגעס אַז איך בין אַ דערוואַקסענער מענש, —
איך ווער גאָר פאַרשייט ווי אַ קינד...

און יעדע סעקונדע, און יעדע מינוט —
אַ וועלט איז פון ליעבע און גליק...
קום-זשע שוין גיכער אָה, שטאָלצע צוגעהן
און שאַף מיר דאָס אַלץ מיט דיין בליק!...

נעהם צו מיין האַרץ!

נעהם צו מיין האַרץ
און גיב אַנ׳אַנדער׳ם מיר,
עס ווילט זיך לאַכען פיעל,
ניט וויסען פון קיין טרעהר!...

עס ווילט זיך לוסטיג זיין,
אַ מענש ווי יעדער דאָ,
נישט נישטערען צו פיעל, —
עס גארט מיין זעעל נאָך רוה!

זיי נים מקנא דעם דיכטער

זיי ניט מקנא דעם דיכטער,
ניט מיין אַז זיין לעבען איז האָניג,
ווען נישטיג אַרום איז דאָס לעבען, —
די וועלט אַזוי נאַריש, איינטאָניג...

ער דיכטעט דערפאַר ווייל עס וואַרגט איהם,
זיין ליעד איז אַ שטיק פון זיין לעבען...
ניט מיין אַז זיין לעבען איז האָניג,
די וועלט האָט גענוג איהם געגעבען.

זי האָט איהם געגעבען אַ יאוש
וואָס טאָטשעט און נאָגט ווי אַ וואָרעם...
זיין לעבען אַ אייביגער אומרוה, —
זיין וועלט איז אַ אייביגער שטורעם!...

אַ רעגען טאָג

גיסט דער רעגען, וויינט דער ווינט,
זיץ איך שטיל אין שטיב,
פיהל איך ווי ס'איז אַלעס פוסט,
נודנע, קאַלט און טריעב!...

פיהל איך ווי א שווערער שטיין
אויפ׳ן הארצען פרעסט...
און א ווערעמעל דארט טיעף
טאטשעט שטיל און עסט...

גיסט דער רעגען, קלאגט דער ווינט,
אין גאס ניט אויסצוגעהן, —
שווארץ דער הימעל, נאס די ערד, —
איך — עלענד ווי א שטיין...

עס רופען דיך קלאנגען

הער זיך ניט צו צו דיין נארישען הארץ,
און געה דיר דיין וועג,
נעהם פונ׳ם לעבען דאס שענסטע אוועק, —
פארברייננ דיינע טעג!...

עס רופען דאך קלאנגען, זיי בעטען זיך, הער
א שטומע ווי וויינט,
עס שטעהט ווי א מיידעל, — א בריוועל אין האנט
פון ליעבסטען זי ליינט.

כ׳וויל ניט אריינטראכטען

כ׳וויל זיך ניט איינטראכטען טיעף אינ׳ם לעבען, —
עס קומט ניט קיין גוטעס דערפון...
וואס דארף איך פארשטעהן דען די שטראהלען די מילדע,
עס שיינט דאך און ווארעמט די זון...

צו וואָס זיך גאָר גריבלען אין קלאַנגען, אין טענער, —
עס פרעהט זיך דאָס האַרץ סיי ווי סיי...
אין לעבען איז בעסער ניט טראַכטען, ניט זאָרגען,
נאָר זיין ווי אַ פויגעלע פריי...

צו וואָס זיך אַריינטראַכטען טיעף אינ׳ם לעבען, —
דאָס לעבען אַליין ז׳אַ געדאַנק...
דאָס לעבען הייסט לאַכען, זיין לוסטיג און פרעהליך,
און טרינקען דעם לעבענס-געטראַנק...

שווער

שווער צו זיין אַ דיכטער —
דענקען ווייט און טיעף...
ווער עס איז אַ דיכטער,
דער האָט אַ באַגריעף...

ווער עס איז אַ דענקער,
דער וועט מיך פאַרשטעהן,
כ׳דאַרף מיט מיינע ווערטער
טיעף און ווייט ניט געהן...

שווער צו זיין אַ מענש דאַ,
מיט אַ האַרץ וואָס פיהלט,
הערען יעדען איינעם
פאַלש דאָס לעבען שפיעלט...

צו וואָס ?

צו וואָס געפּיהלען שעהנע אויף דער וועלט,
ווען די גאַנצע ראָלע שפּיעלט דאָס געלט ?...
ווייכע הערצער טריט מען מיט די פיס !...

צו וואָס גאָר טרעהרען גיסען אָהן אַ שיער,
ווען דאָס לעבען מיזטו נעמען מיט געוועהר ?...
ס'איז באַצאָהלט מיט מזומן יעדער גרים !...

צו וואָס גאָר ליידען פאַר אַ ברודער, פאַר אַ פריינד,
ווען ביזט ניט גליקליך מיט'ן נעכטען, מיט'ן היינט ?...
דער מענש איז נישטיג, קליין !...

צו וואָס דאָס בייגקען ערגיץ ווייט און ערגיץ וואו ;
ווען ס'איז דאָרט סיי ווי סיי ניטאָ קיין רוה ?...
אומזיסט דיין ביטערער געוויין !...

טעג

עס בייט דער היינט דעם נעכטען,
און באַלד וועט קומען מאָרגען,
דאָס אייגענע, דאָס זעלבע,
האַנדלען, וואַנדלען, זאָרגען !...

עס בייט דער היינט דעם נעכטען ;
עס טראָגט זיך וואו דאָס לעבען...
און כ'ווייס עס וועט דער מאָרגען
מיר בעסערעס ניט געבען !...

עס ווילט זיך זיין אַ נאַר

עס ציהט דיין טיעפער בליק, —
דיין שטאָלצער אָדלער־אויג...
געלאַסען זיין נאָך וואָס,
און שטיל צו זיין וואָס טויג?...

דיין הויכע, צאַרטע ברוסט
פאַרלאַנגען וועקט אין מיר,
דיין מרמאָר־האַלז זיך בעט,
אַ הייסען קוש טון דיך.

עס וועקט ביז וועה דיין גאַנג, —
אַ ווילדע הירשין געהט...
מיט לוסטיגקייט, מיט פרייד
פון יעדער אבר וועהט...

עס בויגט דיין קערפּער זיך,
ווי שטאָלצער צעדער־בום...
דיין יעדער בויג און דרעה
פלעכט אוים אַ קראַנצען־טרוים...

עס ציהט אַזוי און ס'נאָגט
אַ מיעדער לוסט־פערלאַנג...
דו שוועבסט און ניט דו געהסט,
דיין טריט איז אַ געזאַנג!...

די שעהנע רונדע פים,
זיי רייצען זיך מיט מיר...
דורך שווארצען זאָק פון זייד
זיך ציהט אַ ווייסע שניר...

און מאַכט מיך אַזוי ווילד,
און שטורעמט אויף מיין בלוט...
איך פיהל מיך דעמאָלט שטאַרק,
מונטער, פריי און גוט!...

און עפענסטו דיין מויל,
דערזעה איך ווייסע צייהן, —
געשניצטע אַלע גלייך
און שטאַרק ווי העלפאַנט־ביין!...

דאַן טראָגט זיך הויך מיין שטים;
מיט מיר דאָ בלייב אַליין...
איך האָב דיך ליעב, איך שטאַרב,
דו ביזט דאָך רייצענד, שעהן!...

איך זעה אין דיר אַ וועלט
פון יאוש, פרייד און צער...
טאָ לאָז מיך זיין מיט דיר,
דיין קנעכט, דיין שקלאַף, דיין נאַר!...

עס ווילט זיך זיין אַ נאַר
און גלויבען טעמפּ און דום...
די וועלט איז סיי ווי סיי
נאָך נאַרישער אַרום!...

דאָס זעלבע

וואָס שטעהסטו מיידעל דאָרט פאַרטראַכט,
צו האָט דיך עמיץ אָפּגענאַרט?
צו האָט דיך עמיצער פאַרפיהרט, —
עס האָט דיין טרעהר איהם ניט געריהרט?...

דאַן קום צו מיר און האָב קיין שרעק, —
איך בין פון עמיצען אַוועק...
געפאַנגען בין איך אויך געווען, —
דאָס זעלבע איז מיט מיר געשעהן!...

נו, גיב דיין האַנט, די ווייכע מיר,
ווי ויין וועל טרינקען איך דיין טרעהר...
מיין האַרץ דיין האַרץ וועט גוט פאַרשטעהן,
ווייל איך בין אויך אַצינד אַליין...

שווערע טעג

שווערע, מידע טעג גאָר אָהן אַ שיעור,
ס'ווילט זיך רעדען נאָר דו ביזט גאָר שטום...
ס'ווילט זיך שרייען הויך נאָר דו ביזט מיעד,
ס'איז צובראָכען און צושלאָגען יעדער גליעד...

שווערע, מיעדע טעג גאָר אָהן אַ שיעור,
דו ביזט שוין מיעד פאַרגיסען דאָ אַ טרעהר...
אַ פינסטערניש, אַ בייזקייט דרעהט זיך אום
און דו ווילסט שרייען הויך, נאָר ביזט גאָר שטום...

זיי געגריסט

(פ. פעלדמאַן)

מיט דיינע ווייכע הענט האָסטו מיין האַלז אַרומגענומען
און מיט דיין בליק וואָס היילט און מאַכט אַ וואונד
האָסטו געבליקט...
עס האָט דיין יונגער מיידעל־קערפּער זיך אין מיינעם
אָנגעריהרט.
און ס'האָט ביים הארצען מיר פאַרקלעמט, ביז ווען
געדריקט...

און ווי אַ פּיצעל קינד האָסטו זיך שטיל געפּיעסטשעט,
געטוליעט זיך אַלץ נאָהענטער צו מיר...
געזוכט אַ שוץ, אַ רוה אין מיינע אָרעמס,
און אַ מתנה מיר געלאָזט אַ הייסע טרעהר...

און איך האָב לייכט די פּערעל־טרעהר, די הייסע
אַראָפּגעקושט פון דיינע טיעפע אויגען צוויי...
און טיעף אין מיין נשמה איז זי זיך צוגאַנגען,
פאַרשאָפענדיג אַ הייסע ליעבעס־וועה...

און דו האָסט שטאַרקער נאָך די הענט אַרומגעקלאַמערט,
גלייך אַ שטורעם־ווינט וואָלט מיך געריסען וואו...
עס האָט דיין מיידעל־ברוסט זיך אָנגעריהרט אין מיינער
און מיר פאַרשפּראָכען דאָן אַזוי פיעל גליק און רוה...

דאָן האָב איך מעכטיג דיך געדריקט אין מיינע אָרעמס, —
געוואָלט אַריינדריקען דיין גאַנצען זיין אין מיר...
כ'האָב דיינע הענט געקושט, די אויגען און די ליפּען, —
מיט דורשט פון וויסטעניש געטרונקען כ'האָב דיין טרעהר!...

און דו ביזט שטיל אין מיינע אָרעמס דאָן געלעגען,
דיין בליק האָט ווייכער נאָך ווי זייד מיין האַרץ געגלעט,
און דיינע ליפּען ווי צוויי זאַנפטע, רויטע קאַרשען
געמורמעלט האָבען שטיל: עס איז שוין שפּעט!...

און פון די אויגען דיינע — מיינע וועלטען ברייטע
האָט געגאָסען זיך אַ טרעהריל נאָך אַ טרעהר,
זיי געגריסט פון ווייטענס, בלום אָה, צאַרטע,
מיר זאָל זיין און מיר זאָל זיין פאַר דיר!...

איך גלויב

איך גלויב דיר, בוים,
דו בייגקסט נאָך ליעדער,
וואָס קוויקט די זעעל
און היילט די גליעדער...

ס'איז איצט דיין צייט,
איך וויים און פיהל,
ס'איז אויך מיין צייט,
דאָך לייד איך שטיל...

ס'איז איצטער פריהלינג, —
פויגלען זינגען...
טענער, טרעללען
הער איך קלינגען.

און ס'ציהט דאָס האַרץ,
איך ביינק און גאַר...
צו וועל ניט בלייבען
איך אַ נאַר?...

אַ ליעד

בליהט אַ בלום צעווישען דערנער
אַזאַ עדעלע אַ שעהנע.
מיט קאָלירען שטילע, ווייכע,
מיט געפיהלען זויבער־ריינע...

ווילט זיך מיר די בלום אַ קוש טון,
איז מיר שווער זי צו דערגרייכען,
אַט די עקעלהאַפטע דערנער
בריהען, ברענען און זיי שטעכען...

שטעה איך מיר אַזוי פון ווייטען, —
שלינג די בלום מיט מיינע בליקען...
ס'ווילט זיך מיר די בלום פאַרמאָגען,
כ'מוז עס אָבער שטיל דערשטיקען...

איינמאָל האָט אַ פייער
מיך אַזוי צעהיצט, צעוואַרעמט;
כ'האָב מיט גוואַלד זיך דורכגעריסען
און די שעהנע בלום געאַרעמט...

זי געאַרעמט, זי געצערטעלט
און מיט איהר אין לופט געשוועבען...
אַ צעבלוטיגטער פון דערנער
בין איך מאַכטלאָז באַלד געבליבען...

און די בלום די צאַרטע, ריינע
האָט אַ בייזער ווינט פאַרטראָגען,
אייביג וועל איך זי באַוויינען, —
אונזער מזל שטיל באַקלאָגען!...

וויעג ליעד

מאַך צו די אויגעלאך, קינד מיינס,
און שלאָף.
דעם שלאָף פון רוהען גליק
צו דיר רוף!...

שליס דיינע אויגעלאך, איינציגעס,
רוה...
עס וואַרט און עס לאָקערט פון אומרוה
די שעה...

כ׳בין ניט שולדיג

כ׳בין ניט שולדיג קינד, איך בין ניט שולדיג,
וואָס כ׳פאַרשאַף דיר שמערצען אָהן אַ שיעור!
ס׳טריפט מיין בלוט ווען כ׳זעה אין דיינע אויגען
פינקעלט זיך אַ הייסע דימענט-טרעהר...

כ'בין ניט שולדיג קינד, איך בין ניט שולדיג,
ווייסט דאָך גוט — איך האָב א הארץ וואָס ליידט...
זעהסט דאָך ווי פארשיעדען ס'זענען צייטען,
אינ'ם לעבען יעדער טאָג זיך בייט...

גיסט א רעגען פיהל איך מיך צובראָכען,
שיינט די זון נאָר אויפעט — איז דאָס גליק !...
ס'קומט א צייט וואָס כ'קאָן דיך ניט פארליידען ;
ס'קומט א צייט און כ'טרינק מיט דורשט דיין בליק !...

יעדער טאָג אין לעבען איז פארשיעדען, —
ווארפט אין פיבער אונזער יעדען גליעד...
ווייסט אליין — איך קאָן ניט אייביג זינגען
אָן אויסגעזיינגען מאָנאָטאָנעם ליעד...

כ'קאָן ניט זינגען מעהר פון דורות אלטע ליעדער, —
מיין הארפע רייסט זיך נאָך א נייעם ליעד...
א ליעד וואָס מאכט דאָס בלוט פארציטערט ווערען
און קוויקט און מונטער מאכט איעדען גליעד !...

זיי-זשע מיר געזונד דו קלוגער מענש און טיעפער,
כ'געה זיך נעהמען איצט א שווערען, ווייטען וועג...
איך בין געווען א טרויער און וועל בלייבען,
ביז געצעהלט עס וועלען זיין שוין מיינע טעג !...

כ'בין ניט שולדיג קינד, איך בין ניט שולדיג,
קאָנסטו זאָגען דען צום ווינט : בלייב שטעהן !
בין איך אויך א ווינט, איך בין א שטורעם !...
מיך רייסט און ציהט אין וועלטען וואו צוגעהן...

כ'בין ניט שולדיג קינד, איך בין ניט שולדיג,
צום לעצטען מאָל מיר שיינק אַ מילדען בליק !...
איך בויג מיין קאָפּ פאַר דיר און דאַנק דיך הערצליך
פאַר דיין נאָהענטקייט און פאַר'ן ביסעל גליק !...

ערגיץ דאָרטען

ערגיץ דאָרטען וויט פון דאַנען
האָב איך זי אַליין געלאָזען.
ס'האָבען שטורעמס, זאַווערוכעס
אַזוי באַרעמלאָז געבלאָזען...

זי אַ עדעלע, אַ צאַרטע,
ווי אַ בלום אין מיטען זומער...
האָט געקושט מיך און געשוויגען,
נאָר די אויגען פול מיט קומער...

און צוויי טרעהרען — דימענט־טרעהרען
האָט זי מיר אין וועג געגעבען,
וואָס באַשיינען, וואָס באַלייכטען
אַלע וועגען פון מיין לעבען !...

קומען צייטען, געהען צייטען
און די יאָהרען לויפען, יאָגען.
ס'טוט דאָס הארץ מיינס עפּיס צאַפּלען,
אַפּטמאָל וועה טון, שטיל מיר נאָגען...

ערגיץ דאָרטען איבער ים'ען,
איבער בערג און איבער טהאָלען,
בלאָנדזשעט אום אַ בלום אַ שעהנע
אויף אַ וועגעל, אויף אַ שמאָלען...

דאָרטען פלעגען מיר שפּאַצירען
אין די אָווענדען די שטילע...
יונגע הערצער פלעגען צאַפּלען
מיט פערלאַנגען פולע, פולע...

יונגע הערצער, ריינע הערצער, —
בלומען צוויי נאָר וואָס געבוירען...
הימלען, שיצט די יונגע בלומען
זאָלען זיי ניט געהן פאַרלוירען!...

קלאַפּט דער זייגער שטיל

קלאַפּט דער זייגער שטיל, —
היט מיין לעבען ער...
לעבען מיט'ן קלאַפּ
איז דאָך זעהר שווער...

און וויל פאַרגעסען איך,
אַז מיין לעבען יאָגט, —
קלינגט דער זייגער זעקס
און אין גאַס שוין טאָגט...

קלינגט דער זייגער אַכט
און אין גאַס ווערט נאַכט...
ס'ווערט דאָס לעבען וואו
ערגיץ אומגעבראַכט...

זי וועט באַלד פאַרגעהן

טראָגט זיך גרויע וואָלקענס,
אין דער הויכער ווייט !...
איצטער איז געקומען
אײער גוטע צייט !...

איצטער איז געקומען, —
זי וועט באַלד פאַרגעהן :
וואָלקענס קאָנען קיינמאָל
אויף איין אָרט ניט שטעהן !...

וויין ניט, ווינט !

וויין ניט, וויין ניט, ווינט —
ריים מיר ניט ביי'ם האַרץ...
ס'איז דער הימעל בייז ;
וואָלקענדיג און שוואַרץ...

עפּיס שרעקט די זעעל,
דרוקט און פּרעסט די ברוסט...
ס'קומט אַנ'אומגליק וואו
ערגיץ אונבעוואוסט !...

ציטערט אויף דאָס בלוט
און אַ מידקייט נאָגט...
וויין ניט, וויין ניט, ווינט,
שוין גענוג געקלאָגט !...

ס׳וועט קומען באַלד די זון,
מיט ליכטיגקייט און שיין...
וויין ניט, וויין ניט, ווינט,
עס וועט נאָך פרעהליך זיין!...

דאָס לעבען איז אַזאַ מין שפּיעל

זיי שטיל אָה, הארץ, דאָרט טיעף אין ברוסט
פאַרטרייב פון דאָרט די שמערצען!
וואָס גערהט דיר אָן אַ פרעמדע טרעהר,
וואָס אַרט דיר יענעמ׳ס קרעכצען!...

פאַרקוק, פאַרזעה ס׳איז ניט פאַר דיר, —
ס׳איז שווער צום איבערטראָגען,
דער וועלט איז שוין אַזוי באַשערט,
צו וויינען, כליפּען, קלאָגען...

דער וועלט איז שוין אַזוי באַשערט, —
דו וועסט ניט בעסער מאַכען...
און ווען דו טוסט דאָ עפּיס גוטס,
טוט מען פון דיר לאַכען...

און קיינער וויסט און קיינער פיהלט, —
די הערצער זענען שטיינער...
בעגריפע שמאָל, פערלאַנגען קליין —
זיי מאַכען וויכער, ריינער...

ל י ע ד

וועך דאָרט שטיל אָה, גוטע האַרץ,
אומזיסט דיין צאַפּלען, ליידען!...
עס וועט דיך קיינער דאָך ניט פאַרשטעהן,
ניט קענען אונטערשיידען...

עס וועט דיך קיינער דאָ פאַרשטעהן, —
צו טעמפּ דאָס האַרץ, געפיהלען!...
און ווען דיין האַרץ פאַרבלוטיגט ווערט,
פּרובט יענער זיך צו שפּיעלען...

טו שווייג דו, נאַרישׁ האַרץ, זיי שטיל,
נאָך האָסטו ניט פאַרשטאַנען,
דאָס לעבען איז אַזאַ מין שפּיעל:
ס'איז חיה, מענש פאַראַנען!...

אין גליק רוף איך אָן דאָס...

הער זיך איין, מיין קינד, אין שטילע זומער-נעכט,
ווען אַלעס רוהט און שלאָפט, נאָר איינער ערגיץ וואַכט...

ווי איינער וואַכט און שפּיעלט אַ ליעדעל אין דער נאַכט,
און ס'דוכט זיך דיר, אַז אַלץ הערט אוים און איז פאַרטראַכט...

עס גיסט זיך אַזוי זים דער קלאַנג פון וועה און באַנג,
ס'פאַרכאַפּט דיר אַזש ביי'ם האַרץ דער ניגון, קלאַנג, געטראַנג

און טראָגסט זיך דאַן אַוועק אין ווייטע וועלטען וואו,

וואו סאיז אַן אַנדער וועלט מיט ליעבע, גליק און רוה...

און בייט זיך נאָר דער קלאַנג אויף בײנקשאַפט, טיעפער וועה,
בייט אויך דיין שטימונג זיך, זיך גיט אַנ׳אַנדער דרעה...

און טראָגט דיך, קינד, אַוועק אין וועלט פון פיין און שרעק,
וואָס איז מיט ליידען פול, מיט צרות — אָהן אַנ׳עק...

און דו ליגסט שטילערהייד, מיט אויגען טיעף אין נאַכט,
פאַרטיפט אין יעדער קלאַנג, פאַרביינקט און קלוג פאַרטראַכט

און הערסט זיך איין און בליקסט אין טיעפער וויטער וויט,
וואָס שפּיגעלט אָפּ אין זיך די קלאַנגען פון דער צייט...

דאַן וויים איך, קינד, דו לעבסט, געניסט פון גליק און פרייד,
וואָס אויסגעפלאָכטען ווערט פון אַנגסטען און פון לייד...

וואָס אויסגעקנאָטען איז פון טיעפען האַרצענס-קלאַנג,
און אָנגעזאַפּט מיט וועה, מיט ליעבעס האַרצענס-דראַנג...

דאַן ווייסטו, קינד, אז דאָס איז גליק, נאָר גליק אליין,
ווען ס׳וויינט א זעעל וואו, פיהלט עלענד ווי א שטיין...

עס וויינט אַ זעעל, קלאָגט און שפּיעלט אַ ליעדעל צו,
און ביינקט אזוי נאָך גליק, נאָך ליעבע און נאָך רוה...

ווייל גליק איז טרוימען נאָר און ביינקען, גארען שטיל,
און גליק רוף איך אָן דאָס ווען ס׳שטורעמט אַ געפיהל...

און איז עס אונבעוואוסט און ניט באַשטימט איז גוט!
אַבי אַ קלאַנג איז דאַ און ס׳ציטערט נאָר דאָס בלוט...

נאָר טו אַ דערמאַן איך

איך ווייס ס׳וועט ווען קומען אַ טאָג דאָ אַ העלער,
און ווארעם און ליכטיג ס׳וועט ווערען אין וועלטען.
פאַרשווינדען וועט קנאה, ניט בלייבען וועט שנאה,
און פריי וועלען מענשען זיך לעבען אין צעלטען...

איך ווייס ס׳וועט אַ זון ווען דאָ שיינען אַ העלע,
וועט היילען די הערצער און טרייסטען די בלוטען...
קיין שליטה עס וועלען ניט האָבען די „שטאַרקע“,
עס וועלען נים פייפען און קנאַלען די קנוטען...

נאָר טשו אַ דערמאַן זיך, אַז דאָס וועט ערשט קומען, —
פאַר מיר וועט מיין וועלט זיין אַ אייביגע תפיסה...
טו איך מיט טויזענדער קללות זי שעלטען
און ווינש זיך צו זעהן זי אין טוידטליכער גסיסה...

אַ נעסט וועל איך פלעכטען

איך וועל דיך מיט טויזענדער קושען באַדעקען,
מיט טריישאַפט און ליעבע איך וועל דיך באַדינען.
ביי דיר אויפ׳ן שויס וועל איך קענען ערשט זינגען,
און טרוימען פון גליק און פון ליעבע כ׳וועל שפינען...

איך וועל דיך מיט טויזענדער ברכות דאן בענשען,
באַגריפען שמאָל, פאַרלאַנגען קליין —
ביי דיר אין די אָרעמס אַ נעסט וועל איך פלעכטען
פון ליעבע, פון פריידען, פון האָפנונג און שטרעבען...

סקיצען און ערצעהלונגען

פון

קלארא ליבערמאן

פרייע ליעבע

(ערצעהלונג)

אַן אמת׳ער פאַרגעניגען איז געווען ביי לינען צו פערברייני־גען מיט די קלוגע און אינטעליגענטע מענשען, ווי די סאָציאַליס־טען...

— איז ניט צו בעוואונדערען זייערע פעהיגקייטען צו געניסען פונ׳ם לעבען ? — פלעגט זי זיך זעלבסט פרעגען. — פרייע מענשען מיט פרייע נשמות: ליבען זיי—פעראייניגען זיי זיך און זיינען גליקליך... — ס׳שטעהט זיי ניט אין וועג די געזעל־שאַפטליכע מיינונג, דער קאַמפף פאַר עקזיסטענץ און אנדערע ניט־ווירדיגע אינטערעסען, וועלכע שרעקען דאָס „קאָנסערוואטיווע" פאמיליען — פאַר...

און ווען לינאַ פלעגט אהיים קומען פון אַ סאָציאַליסטישער פערזאַמלונג האָט זי גאַר אַן אַנדערע אויסגעזעהן: אַ פרישע, אַ לעבעדיגע און בעגייסטערטע איז זי געווען. — איהרע שוואַרצע אויגען האָבען פון פרייד און גליק געשטראַהלט, און די רונדע באַקען האָבען ווי רויזען־קראַנצען געגליהט...

די לבענסלוסטיגע אָבער ניט באַוואוסטזיניגע לינאַ האָט זיך ניט געקענט צופּאַסען צו דעם מאָנאָטאָנעם ארט לעבען פון איהרע עלטערען, ווייל געדורשט האָט זי נאָך אַ לעבען, אַ פרעהר ליכען און אַ שטורעמדיגען...

און ווען די כוואַליעס פון פרייהייטס־בעוועגונג האָבען אויך אין די פּאַרוואַרפענע שטעטלעך זיך צוגאַסען, איז אויך די

שוואַרץ חן־עוודיגע לינאַ מיט דעם שטראָם אַוועק... און ווען לינאַ איז אַ מיטגליעד פון אַ סאָציאַליסטישען פעראיין געוואָרען האָבען זי די חברים ליעב געקראַגען פאַר איהר געשיקטקייט און אומגע־הייערע דרייסטקייט...

ניט ליעב געהאַט האָט לינאַ דעבאַטירען איבער לעבענס־פראַגען אָדער זיך צוהערען צו טעאָרעטישע פאָרלעזונגען. — ס'איז לאַנגווייליג און ניט אינטערעסאַנט, — פלעגט זי טראַכטען. דער פאַר אָבער איז זי געווען אַ „כוואַט" צו פראַקטישע אַרבייט: ווי איבערפיהרען אַנלעגאַלע ליטעראַטור, פאַרשפּרייטען „פּראָק־לאַמאַציעס" און אַ מאָל אַגיטירען אַז אַרבייטערין.

אויספיהרענדיג אַ געוויסע מיסיאָן, איז לינאַ געקומען צוריק אַ צופריעדענע, אַ שיינענדע און מיט בעגייסטערונג דערצעהלט. ווי אַזוי ס'איז איהר געלונגען אַפּצונאַרען די פּאָליציי... לינאַ האָט זיך זעהר צוגעבונדען צו די חברים און זיי זאַגאַר פאַרגעטערט. אָבער נעהענטער האָט זי זיך אַלע מאָל געפיהלט צו דעם קליינעם „גרישאַ". — ער אויך ווי זי, האָט ניט ליעב געהאַט זיך צו „נודען" מיט הויכע פּראָבלעמען. אָבער פאַר פרייהייט און ברידערליכקייט האָט ער געקעמפּט אונערמידליך, ניט אָפּשטעלענדיג זיך פאַר קיין געפאַר...

לינאַ איז מיט דעם קליינעם גרישאַ אַלץ פריינדליכער און אינטימער געוואָרען. — און ווען זי האָט געפיהלט, אַז זיין אַנוועזענהייט מאַכט זי אונרוהיג, אַז זיין בליק טהוט וועקען אין איהר ליידענשאַפטליכע געפיהלען האָט זי ניט געפונען פאַר נויטיג קאָנ־טראָלירען זיך אָדער נאָכדענקען אויב גרישאַ איז ווירקליך פּאַסענד פאַר איהר...

— צו וואָס אַזוי פיעל מעסטען און וועגען?... — האָט זי זיך געפרעגט. — וואָס איז, זי קויפט איהם עפּעס ווי אַ באַוועגלאַזע זאַך?... ניין! אויף אַזוי פיעל איז זי נאָך ניט „קאָנסערוואַטיוו" אוב אַזוי צו האַנדלען...

— איך ליעב גרישאַ'ן, — האָט לינאַ אַרגומענטירט, —

כ׳וויל געניסען פון דער זאגענאנטער ליעבע, נאך וואס־זשע א צוואנג אויף די געפיהלען אנטהון ?...

און איין מאל, אין א שעהנעם טאג האט לינא שטאלץ און מוטהיג ערקלערט גרישא׳ן אז זי ליעבט איהם און זי ווינשט זיינע צו זיין...

און אזוי האט לינא זיך פעראייניגט מיט גרישא׳ן אויפ׳ן באדען פון פרייער ליעבע, וועלכע אנערקענט ניט קיין פליכטען און איז ניט פעראנטווארטליך פאר דער צוקונפט... דער קליינער גרישא איז אזוי לאנג מילד און צערטליך געווען צו לינאן, ביז זי איז איהם אינטערעסאנט געווען.

אזוי שנעל אבער ווי ער האט זיך באקענט מיט דער בלאנדער סאניע, האט ער אנגעפאנגען איגנארירען לינען, און זיין גאנצע פרייע צייט פארברענגען מיט זיין נייער פריינדין...

לינא, זייענדיג געפלאגט פון אייפערזוכט און פארדרוס, האט איהר אינטערעס פאר דער באוועגונג פערלארען און זיך ניט גע־וויזען אין פארטיי. אזוי פלעגט זי אפזיצען אין די אומעטיגע הערבסט אוונדען עלענד אליין און זיך צו הערען צו דעם בייזען ווינט, וואס האט די לאדען פון פענסטער געריסען, ווי אנזאגענדיג איהר, אז דער זומער מיט די העלע טעג איז פאראיבער,, איבערלאזענדיג דעם פלאץ פאר זיין געגנער, דעם ווינטער...

און אט אין איינעם פון די מורא׳שחרה׳דיגע אוונדען, וועלכע מאכען טריעב די נשמה און פארנעבלען דעם געדאנק, האט זיך לינא געפיהלט מעהר געקריינקט ווי אלע מאל.

— ער פארברענגט דארט מיט דער בלאנדער „קאקעטקע“ — האט זי געטראכט — און איך זיץ דא אליין אז עלענדע און איינ־זאמע...

כ׳וועל איהם ניט שווייגען דעם „סאציאליסט“ ! — האט זי ווילד אויסגעשריען, ברעכענדיג די הענד און צוגעהענדיג אלע מאל צום פענסטער זעהן אויב גרישא קומט — הייגט מוז עס אן ענדע נעהמען האט זי ווי געמורמעלט צו זיך.

— ס'איז דאך אבער ניט שעהן פאר מיר צו מאכען אן עפענט־ליכען סקאנדאל און בארויבען זיין פרייהייט; — איז דורכגע־לאפען א געדאנק אין ליגעס מוח. — ער ליעבט מיך ניט מעהר, און וויל זיך ניט צווינגען אוועק צו געבען זיין אויפמערקזאמקייט דער, וועלכע אינטערעסירט איהם ניט מעהר, האט דער זעלבער געדאנק ווי באשטעטיגט.

— אינטערעסירט איהם ניט מעהר, — האט ליגא געמור־מעלט, ווי איבערקרומענדיג עמיצען. ווערענדיג דערביי זעהר אויפ־געגט איז זי צוגעלאפען צום הענגער, א כאפ געטאן איהר מאנ־טעל און געוואלט לויפען זיי זוכען... — ראכע, ראכע וועל איך נעהמען פון זיי, האט זי היסטעריש געשריען. ביי דער טיהר איז זי אבער שטעהן געבליבען ווי אין פערלעגענהייט און אווארף טהוענ־דיג זיך אויף דער סאפא, וואס איז ניט ווייט געשטאנען, האט זי איהר פנים אין די הענד איינגעגראבען און געציטערט, געוואר־פען זיך... באלד האט זיך אן הערץ־רייסענדער שלוכצען מיט דעם ברוויזענדען הערבסט ווינט אויסגעמישט, וואס האט אנגעפילט דעם ארימען האלב־טונקעלען צימער מיט שרעק און אומעט...

ווען ליגא האט דערפיהלט אז אין גיכען דארף זי מוטער ווערען, און גרישא'ס בעציהונגען צו איהר ווערען אלע מאל אנפריינדליכער. האט זי בעשלאסען מיט איהם זיך דורכצוריידען...

— גרישא! האט זי מיט אנגסט געבעטען זיך — כ'קען מעהר אזוי ניט לעבען. — כ'מוז האבען א בעשיצער.

— ניט די ארבייט שרעקטמיך, ניין! כ'וועל געהן ארבייטען אזוי שנעל ווי עס וועט מעגליך זיין, מיך שרעקט אבער די שאנדע אך די פינסטערע שאנדע!...

— גרישא, גרישא! האט ליגא געיאמערט, — כ'שעהם זיך פאר מיינע עלטערען, זיי וועלען מיך אויף די אויגען ניט לאזען...

— כ'האב זיי געשריבען, אז איך בין פערהייראט און לעב צופריעדען.

— קענסטו דאך פאהרען צו זיי אויף „קימפעט“, האט גרישא ווי געראטען איהר. — אך! ווי שוואך און „קאנסערוואטיוו“ דו ביסט, לינא, האט ער איהר באמערקט, וויסענדיג ווי ווייט זי וויל ניט זיין „קאנסערוואטיוו.“

— זי שעהמט זיך גאר, באשיצערס דארף זי גאר, האט ער איראניש געשמייכעלט, האלטענדיג די הענט אין די קעשענעס און ארומשפרייזענדיג איבער'ן צימער.

— איך האס יעדע מינדעסטע שקלאפעריי און אבהענגיגקייט! האט ער אויסגעשריען, עפענדיג די טיהר אום אוועק צו געהן...

— מערדער וואס דו ביסט, האט לינא איסטעריש געיאמערט, רייסענדיג זיך די האר פון קאפ — דו האסט מיך אויף אייביג אומגליקליך געמאכט... וואס קען איך איצט טהון? וואס?!

— וואס דארף מען טהון? — האט גרישא נאך א שטילען שווייגען באמערקט. —מ'דארף ווארטען ביז נאך דער געבורט... ביז דו וועסט זיך ערהאלען וועל, איך דיך, געוועהנליך שטיצען. — שפעטער וועלען מיר דאס קינד אין אן אנשטאלט בעזארגען און מיר וועלען בלייבען גוטע פריינד פון ווייטענס, אוב מיר קענען ניט זיין איינפערשטאנען און זיינען פערשיעדען איינער פון צווייטען...

— פערשיעדען איינער פון צווייטען, — האט לינא סארקאסטיש אבגעמאכט.

— די בלאנדע סאניא, וועלכע האט דיך באצויבערט מיט איהר פאלשקייט, האט אונז פערשיעדען געמאכט... — דאס קינד אין אן אנשטאלט אריין געבען, ווי גלייכגילטיג ער זאגט דאס.

— ניין! מיין קינד, מיין בלוט און פלייש וועל איך קיינעם ניט אוועקגעבען אום דו זאלסט קענען פריי ארומשפאצירען מיט דער...

— שטיל!! — האט איהר גרישא אונטערבראכען, — ניט וואג א שלעכט ווארט ארויסריידען אויף דער, וועלכע שטעהט געוויס העכער פון דיר אין אלע הינזיכטען... — כ'וויל, אז די

זאָלסט איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטעהן, אַז איך בין דיר גאָר ניט שולדיג... — דו האָסט געליעבט גלייך מיט מיר... האָט ער איהר בעדייטענד ערקלערט, האַסטיג אַרויסלויפענדיג פון הויז.

לינאַ איז ווי אַ פאַרגליווערטע שטעהן געבליבען, ניט בעגרייפענדיג וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ווען זי איז צו זיך געקומען האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מיט וויינען און איסטעריקעס וועט זי זיך גאָר ניט קענען העלפען, נאָר זי מוז זיך בארוהיגען אום צו קענען בעטראַכטען אַן אויסוועג פון איהר קריטישער לאַגע...

אַן אַנרוהיגע, אַ בלאַסע שפּרייזט לינאַ איבער דעם צימער, און ברעכט פאַרצווייפעלט די הענד. — עס ווערט איהר אַזוי היים און איבעלדיג... זי געהט צו צום פענסטער, ש פאַרט אַז איהר הייסען שטערען צו דער קאַלטער שויב און קוקט אַרויס אין דער טיעפער פינסטערניש. דער ווינט רייסט זיך עקשנות'דיג אין צימער אריין נאָר לינאַ פיהלט דאָס ניט. — זי איז ניט מעהר אין דער גרויסער שטאָדט צווישען פרעמדע... זי איז ביי איהרע עלטערן אין הויז אין דעם קליינעם שטעדטעלע. — זי זעהט איהר אַלטען פאָטער מיט דער ברייטער גרויער באָרד זיצען לעבען טיש, אריינקוקענדיג אין אַ ספר. — די מוטער זיצט ניט ווייט פון דעם פאטער און שטריקט אַ זאָק, ווארפענדיג אַלע מאָל אַ בליק צום „סאמאָוואר“ אויב ער קאָכט שוין. די מוטער איז אונרוהיג און עס רייסט זיך אַלע ווייל אַרויס אַ זיפץ פון איהר טריעב מוטער־האַרץ. און דער פאָטער הויבט אויף דעם קאָפּ פון ספר, באַמערקט זי איהם:
— שוין לאַנג ניט געווען קיין בריעף פון „ליבעניען“, ס'נודעט מיר מיין האַרץ. — אוועק אונזער שוועלבעלע פון איהר נעסט, אוועקגעפלויגען פון אונז אזוי ווייט. — געקענט געווען חתנה האָבען אַט דאָ לעבען אונז ווי די עלטערע קינדער, האָט זי צוגעגעבען, שאָקלענדיג מיט דעם קאָפּ.

לינאַ שוידערט אויף. — מאַמאַ, טאַטע, געטרייע מיינע, וואו זייט איהר ?

— ווי גוט ס'וואָלט מיר געווען אייך ארומנעהמען און דרוקען

צו מיין פערוואונדעט הארץ, האט זי מיט טרעהרען, אויגסעשריען.

— כ'וועל קומען צו מיינע עלטערען און זיי פארטרויען מיין אונגליק, כ'וועל זיי צו די פיס פאלען און בעטען פערצייהונג, — איז א געדאנק דורכגעלאפען אין איהר מוח.

— אבער ניין! דאס וועט זי ניט טהון! דער בזיון וועט זייערע אלטע בכוד'דיגע קעפ אין טרויער פערוואלקען און פיליכט זייער לעבען אוועקרויבען...

— וואס דען קען איך טהון ? ! האט לינא פערצווייפעלט אויסגעשריען, אוועקגעלאזענדיג זיך אויף דעם נאהעגסטען שטוהל און רייבענדיג מיט די פינגער די שלייפען פון שטערען, וואס ? !

מיט א מאל האט א געדאנק ווי א בליץ א שיין געטון אין איהר מוח.

— „אמעריקא"...— יא, דאס איז דער איינציגער פלאן פאר מיר אין מיין יעצטיגער לאגע, האט זי שטיל געמורמעלט. אזוי שנעל ווי זי וועט ענטבונדען ווערען, האט לינא בעשלאסען, וועט זי מיט דעם קינד זיך אוועקגעלאזען אין דעם ווייטען לאנד. אין דעם לאנד וואו פערשידענע סודות, טראגעדיעס, לעבענס־שפאסען, געפלאנטער געוויסען און אנדערע גייסטיגע געשעהנישען גיסען זיך צוזאמען און בלאנדזשען ארום אין זייער גייסטיגער עלענדקייט...

— ענטשולדיגט מיר פאר די שמערצען, וואס איך פערשאף אייך, האט לינא געשריבען אין א בריעף צו איהרע עלטערן. — מיין מאן האט מען איבער פאליטישע אורזאכען אין פעסטונג אויף לאנגע יאהרען פארשפארט... און איך, זייענדיג אונטער דער אויפזוכט פון פאליציי מוז פערלאזען רוסלאנד. — די טעג וואנ־דער איך מיט מיין קינד נאך אמעריקא...

שוין עטליכע יאהר ווי לינא ארבייט אין די רוישענדע שעפער און ווערט עקספלואטירט פון פערשיעדענע „באסעס" און פאר־לייטע. איהר צימער האט זי אויף א טאפ פלאר אין א ארעמען

קווארטאל, וואו זי וואוינט צוזאמען מיט איהר אינגעלע, וועלכער איז איהר איינציגער טרייסט אין איהר איינזאמען, מאנאטאנעם לעבען. בלאס און אריינגעפאלען זיינען לינעס אמאליגע ראנדע און בליהענדע באקען. מיעד און פארנעבעלט איז דער בליק פון איהרע אויגען. — לינא ארבייט שווער, „אווער טיים" אום זאל אימשטאנדע זיין צו באצאהלען דער מיסעס פאר אויפפאסען אויף איהר קינד...

און ווען לינא דערצעהלט די געשיכטע פון איהר מאן'ס טויט... לאזט זי די אויגען ארונטער און פון איהר הארצען רייסט זיך ארויס א טיעפער קרעכץ ...

און הערט לינא, אז עמיצער פון איהרע פריינדינעס דיינקט זיך פעראייניגען אויף דעם באדען פון פרייע ליעבע, ווערט זי פיבעריש פון אייפערזוכט... — אומגליקליכע, טראכט זי ביי זיך, איהר צוקונפט וועט ניט זיין בעסער ווי מיינע... און א פלוך שיקט זי אפט אויף די יעניגע, וועלכע האבען אויסגעטראכט די פרייע ליעבע...

דאס גאלדענע לאנד

ווען בריינדעלע, רב משה'ס, א יונגע, שעהנע דארפס מיידעל, האט געהערט, אז אימיצער פאהרט קיין אמעריקא, וואס מען רופט „דאס גאלדענע לאנד", פלעגט זי זעהר מקנא זיין. „א קלייניגקייט, אמעריקא", האט זי געטראכט, וואו מ'ווערט רייך, וואו מיידלעך טראגען אפילו אין דער וואכען זיידענע קליידער און היטעלעך, און וואו ס'פאראנען אזוי פיעל רייכע חתנים, וועלכע קוקען ארויס אויף רוסישע מיידלעך . . .

אז אלעס איז אמת, וואס מ'דערצעהלט וועגען אמעריקא, איז בריינדעלע איבערצייגט: וואס הייסט? — זי זעהט דאך אליין

מיט איהרע אייגענע אויגען פון דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ס'איז אָנגעקומען פון אַמעריקאַ פון איהר פעטער שלמה דעם שטיוועל מאַכער און איהר מומע פעסיע די הינער פערקויפערין, וועלכע האָבען געוואוינט ביי זיי אין דאָרף. אָרעמע, פערפינסטערטע זיינען זיי געווען. יעצט אָבער איז זיי שווער צו דערקענען: דער פעטער פערפוצט מיט אַ גרויסען זייגער, געווים אַ גאָלדענער, און די מומע אין אַ רייך קלייד און אַ היטעלע מיט פעדערען...

ברײנדעלע רוהט ניט : יעדען אָבענד, ווען איהר אַלטער פאָטער, ר' משה דער דאָרפס קרעמער, זעצט זיך אוועק אונטער דעם קאַרשען־בוים אָפּרוהען, פערפיהרט זי מיט איהם אַ געשפּרעך וועגען אַמעריקאַ. . .

„נאָך וואָס דאַרף זי עפּעס אָפּפינסטערען איהרע יונגע יאָהרען אָט דאָ צווישען פּוערים, פרעגט זי איהם, בעסער וועט זי פאָהרען קיין אַמעריקאַ און אויך וויסען פון אַ לעבען".

רב משה האָט גרויסע צרות פון זיין טאָכטער'ס פערלאַנג צו פאָהרען אין דער גרויסער ברייטער וועלט. „טאָכטער מיינע", בעט ער זיך ביי איהר, „בלייב אין דער היים, לעבען מיר, אונטער מיין שויץ . . ." ברײנדעלע אָבער איז איינגעשפּאַרט, און נאָך אַ שווערען קאַמפּף מיט דעם פאָטער האָט זי געזיעגט. זי האָט זיך געזעגענט מיט איהרע אַלע נאָהענטע, אַ גלעט געגעבען די גראָהע קוה, צום לעצטען מאָל די בלומען בעגאָסען, אַ בליק געגעבען אויף דעם גאָרטען מיט דעם קאַרשען בוים און איז אוועקגעפאָהרען אין איהר פאַנטאַסטיש צויבער־לאַנד, אַמעריקאַ . . . ווען ברײנדעלע איז שוין געווען אָבגעפאָהרען עטליכע סטאַנציאָנען און איז שוין געווען זיכער, אַז זי פאָהרט טאַקע אוועק, האָט זי געפיהלט ווי זיך אויסוויינען. עפּעס אַ מאָדנער געפיהל האָט זי גענאָגט. גרויס מיטלייד האָט זי געקראָגען אויף איהר פאָטער מיט די קינדער, באַנג געטהון וואָס זי וועט שוין ניט קענען מעהר געהן צו איהר מוטער אויף דעם קבר, אַ צאַרטע ליעבשאַפט האָט זי דערפיהלט צו דעם דאָרף, וואו זי איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען.

דער געדאנק אבער, אז איהר שטארקער וואונש ווערט פער־ווירקליכט, אז זי וועט אין גיכען זיין אין אמעריקא, האט זי בע־רוהיגט. נאך א לאנגער און שווערער רייזע קומט אן ברײינדעלע אין אמעריקא, וואו עס האבען זי בעגעגענט דער פעטער מיט דער מומע. ברײינדעלע האט זיך דערפרעהט מיט זיי, און ניט בעמער־קענדיג דעם גאלדענעם זייגער אויף דעם פעטער און דאס היטעלע מיט די פעדערען אויף דער מומע, איז זי געווארען נייגעריג און האט זיך ניט געקענט אפהאלטען פון ניט צו פרעגען:

— פעטער, וואו איז דער גאלדענער זייגער און דער מומע׳ס היטעלע מיט די פעדערען?

— וואס פאר א זייגער? — האט דער פעטער פערוואונדערט געפרעגט.

— אויף דער פאטאגראפיע, וואס איהר האט אונז געשיקט, זעהט איהר אויס אזוי רייך פערפוצט, — האט ברײינדעלע שטיל ארויסגערעדט, ארויפקוקענדיג איהרע אויגען, ווי פארשעהמט.

— חא, חא, חא — האט דער פעטער געלאכט, — דאס האבען דאך אונז אונזערע שכנים אויסגעפוצט — אז מ׳נעהמט זיך „פיק־טשורס“, בילדער הייסט עס, דארף מען אויסזעהן ווי מענשען, זא־גען זיי . . .

דער פעטער מיט דער מומע האבען פריינדליך אויפגענומען זייער גאסט, איהר געגעבען קאווע מיט פרישע זעמעלעך און גע־בעטען עסען און זיך ניט שעהמען.

— עס, עס, ברײינדעלע, אין אמעריקא דארף מען גוט עסען, מ׳זאל קענען ארבייטען“, — האט די מומע פעסיג בעמערקט. — נעגלוסט זיך דיר, ברײינדעלע, אוועקצואווארפען דעם טאטען מיט די קינדער, איבערצולאזען די ווירטשאפט און פאהרען קיין אמע־ריקא, וואו מענשען זיינען ווי מאשינען. מ׳ארבייט, מ׳טומעלט זיך און מ׳ווייסט ניט פון קיין שבת און יום־טוב!

ברײינדעלע׳ן איז שווער געווארען אויפ׳ן הארצען, די טרעה־רען האבען זי געשטיקט, און די קאווע מיט די זעמעלעך האבען ניט

געקענט ארונטערגעהן . . . אין א פאר טעג ארום האט דער פעטער געקריגען פאר ברײנדעלע'ן א „דזשאב“ פאר דרײ דאלאר א וואך. די מומע האט איהר געקויפט א „דזשעקעט“ מיט א העט און ברײנדעלע האט אנגעפאנגען ארבײטען און זיך אמעריקאניזירען.

שווער אבער, זעהר שווער איז געווען פאר איהר זיך צופאסען צו די אומשטענדען פון דעם אמעריקאנעם אנגעשטרענגטען לעבען. זי איז ארומגעגאנגען א נערוועזע, אן אונצופריעדענע. זי האט ניט געקענט פארטראגען די פינסטערע און שטיקענדע „רומס“, וואו איהרע אײגענע האבען געוואוינט. ברײנדעלע, דאס ערצויגענע נאטור־קינד, האט געגארט נאך לופט און זונען־שײן . . . באלד זײנען אנגעקומען די ניו יארקער גרויסע היצען און ברײנדעלע, א מיעדע, א מעלאנכאלישע האט זיך קײן ארט ניט געקענט געפינען. אויספאהרען ערגעץ אין א פארק האט זי ניט געקענט: וואו זאל זי געווען נעהמען א „פעניס דרעס“ און שיך ווי איהרע פרײנדינס? אלזא, האט זי געמוזט איהר אײנציגען פרײען טאג פון וואך פערברענגען אין פנסטערע „רומס“, ארויסקוקען אין שמוציגען „יארד“ ארויס. שטונדען לאנג איז זי אזוי אפגעזעסען, אונטערשפארענדיג איהר מיעדען קאפ אויף בײדע הענד און טראכטען פון איהר אלטער, זארגלאזער הײם... אט זעהט זי איהר פאטער'ס הילצערנע הויז מיט דעם שטרויענעם דאך, דעם גרויסען גארטען, וואו אלעס איז שוין רײף: די גרינע אוגערקעס, „קוקורוזען“, די בליהענדע פאסאליעס אויף די הויכע „טיטשקעס“. באלד זעהט זי ווי איהרע ברידערלעך באדען זיך אין דעם נאהענטען טײך, שווימען, פליאסקען זיך, בעהאלטען זיך אלעמאל אונטער דעם וואסער.

אט לויפט „פאראשא“, דער שכנה'ס מײדעל צום ברונים נאך וואסער. פאראשא, מיט וועלכער זי האט צוזאמען אין די קיהלע זומער אוועגדען, אויף דעם פרישען אפגעשניטענעם הײ, ליעדער געזונגען. ברײנדעלע'ס געדאנקען פערטראגען זיך נאך ווײטער, אײבער דער מיט קארען־זאנגען בעדעקטע פעלדער, ניט ווײט פון דעם גרינעם „בעראזעווע“ וואלד. ס'איז פארנאכט. די זון פערגעהט. דער מעריב האט זיך אנגעזונדען און מיט פורפור בעגאסען אלעס

ארום. פון א זייטיגער אלעע בעוויזען זיך די פאסטוכער, וועלכע טרייבען א סטאדע שאף אהיים אויף נאכט־לעגער. א געדיכטער שטויב הויבט זיך אין דער לופטען, א הילכיגער מעקען פערטויבט דאס דארף, און צווישען דעם דאזיגען טומעל און נעבעל פון שטויב, זעהט זי איהר פאטער לויפען אין פאסט אריין אום צו פרעגען אויף א בריעף פון זיין טעכטעריל . . . ברײינדעלען פאנגט אן צו קלע־מען דאס הארץ, ווערגען אין האלז און זי פלאצט אויס אין א הים־טערישען געוויין.

— וואס איז דיר, ברײינדעלע, וואס האט פאסירט? — האט דער פעטער דערשראקען געפרעגט.

ברײינדעלע, ניט קענענדיג זיך קאנטראלירען, האט ענדליך ארויסגעשטאמעלט דורך א גאנצען קוואל טרעהרען.

— פעטער, טייערער, איך וויל אהיים, אהיים צו מיין טאטען אין דארף אריין, איך קען דא מעהר ניט זיין, איך וועל ניט איבער־לעבען . . . איך האב געדענקט, אז אמעריקא איז עפעס אנדערש. ס׳איז ניט דאס וואס איך האב געמיינט, ס׳איז דא אזוי שווער, אזא „יאך״ צו לעבען, — האט זי געיאמערט. דער פעטער איז געשטא־נען א פערצווייפעלטער און געבראכען די הענד.

— ברײינדעלע, קינד וואס דו ביסט, ביסט דאך שוין אין אמעריקא, וועסט זיך צוגעוואוינען, וועסט זיך „אויסגרינען״, — האט ער זי געפרובט בערוהיגען. — מ׳קען דאך ניט פאהרען היין און צוריק. מ׳דארף פיעל געלד, — האט ער איהר ערקלעהרט.

אבער ברײינדעלע האט ניט איופגעהערט צו וויינען און בע־טען.

— פעטער, נעהמט מיר א שיפסקארטע, איהר וועט זעהן, אז מיין טאטע וועט ניט פערלאנגען אייערס, ער וועט אייך אפשיקען. איך וועל אייך לאזען מיין בעטגעוואנד, מיין שאל, און שיקט מיך אפ אהיים . . .

נאך א לענגערען קאמפף מיט די פראסטע, אבער געפיהלפולע

קרובים, האט בריינדעלע וויעדער געזיפצט . . . דער פעטער און די מומע האבען זי מיט טרעהרען אין די אויגען צום שיף בעגלייט.

— זייט געזונד, פעטער, זייט געזונד, מומע, — האט בריינ־דעלע פרעהליך נאכגעשריען. — איך וועל אין אייך ניט פערגעסען, דער טאטע וועט אייערם ניט וועלען . . .

אין א שעהנעם פריהמארגען איז בריינדעלע געזעסען אויף דעם דעק פון שיף און האט זיך בעגאסען מיט ביטערע טרעהרען. הערצרייסענד איז געווען איהר געוויין. געוויינט האט זי ניט דער־פאר וויל עס טהוט איהר באנג אמעריקא, אויך ניט דערפאר ווייל זי פאהרט אהיים. זי האט געוויינט, דאס פאר איהר עקזיסטירט ניט מעהר קיין „גאלדען לאנד" . . . ביטער איז געווען איהר ענ־טוישונג, וואס קומענדיג אהיים וועט זי ניט האבען נאך וואס צו בענקען, טרוימען, פאנטאזירען . . . אנשטאט שעהנע קליידער, רייכע חתנים האט זי בעגעגענט א בייזען פארמאן, פערשטיקטע לופט און פינסטערע רומס ביים רייכען פעטער פון דער פאטא־גראפיע . . .

א שלאפלאזע נאכט

(סקיצע)

זייענדיג שטארק מיעד פון דעם שווערען טאג ארבייט און אויך זעהר צובראכען גייסטיג, האט ראזע באשלאסען זיך היינט לעגען שלאפען פריהער ווי אלע מאל.

אומזיסט אבער איז געווען ראזעס אנשטרענגונג איינצושלא־

פען. פארשיעדענע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט אין איהר מוח.

אלע ווײלע זײנען דורכגעלאפען אין איהרע געדאנקען בערמאנס שטאמלענדע ווערטער: „ראזע, וואס טויג אײך פערפינסטערט ווערען אין שאפ.

— איך האב אײך ליעב און וועל אײך גליקליך מאכען.“

אז בערמאן מײנט דאס ערנסט, אין דעם צווײפעלט זי ניט.—

ער איז אפילו זעהר א פראסטער, אבער אזא עהרליכער. — שוועד זעהר שווער וועט איהר זײן צופאסען זיך צו איהם נאר... ער איז אזא גוטער פערדיענער און עס וועט איהר בײ איהם גאר־ניט פעהלען... אמת זי האט צו בערמאנען קײן שום געפיהל ניט, פארקעהרט עס שטויסט זי עפיס אפ פון איהם... זי באמערקט דאס ניט אײן מאל אז ווען עס קומט אויס בערמאנען איהר דערלאנגען א „באנדעל ארבײט“ און זײן האנט ריהרט זיך ניט ווילענדיג אז מיט איהרער ווערט איהר אפשטויסענד... זײן האנד...א גליטשיגע און א פײכטע... ניט אנגענעהם... ראזע גיט זיך א טרײסעל אפ און גראבט אײן איהר קאפ טיעפער אין קישען אריין אום אײנ־צושלאפען.

נאר באלד דערמאהנט זי זיך ווידער אן איהר טרויעריגער לאַ־גע: — וואס וועט זײן דער סוף פון איהר? — יעדען פריהמאר־גען זיך יאגען אין שאפ אריין, וואו עס קומט אויס איבערצוטראגען בעלײדיגונגען פון פארמאן; אין אווענד קומען צו דער מיסעס, וועלכע קוקט אזוי קרום, ווען די „בארדערקע“ צינדט אן די גאז אין איהר צימער, אום צו קענעןלײענע זא צײטונג. — זי זעהט ניט פאר זיך קײן שום שטראהל, וואס זאל באלײכטען איהר צוקונפט. — זי איז שוין ניט זעהר יונג, דערצו אזוי אויסגעארבײט און מוטהלאז.—

ראזע ציהט איבער די קאלדרע איבער איהר קאפ און פרו־בירט ווײטער אײנצושלאפען. — זי איז שרעקליך נערוועז און אופגערעגט.—זי וויל ניט טראכטען פון גאר ניט, פארגעסען זיך

און שלאָפען, שלאָפען . . . עס נעמט זי אָבער קיין שלאָף ניט. עס טראַכט זיך. — דער קאָפּ אַרבייט . . . אַמ שטעלט זיך איהר פאַר אַ וואָהנונג פאַר זיך אַליין. — זי איז אַ „באַלעבאָסטע" פאַר זיך, זי דאַרף שוין ניט מעהר פריה אויפשטעהן און לויפען אין שאָפּ אַריין... אַך! דער שאָפּ, דער שאָפּ, וואו איהר יוגענד ווערט פאַרוועלקט...

— ניין! זי דאַרף בערמאַנען ניט פאַרשטויסען, ס'קען איהר נאָך אַבאַל באַנג טהון, — שוועבט דורך אַ געדאַנק אין ראָזע'ס מח.

ראָזע קען מעהר ניט איינליגען. — האַסטיג שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט און, אוואַרפטהוענדיג אויף זיך אַ מאַנטעל, זעצט זיך אויף אַ שטוהל לעבען קליינעם טישעלע, אויף וועלכען עס ליגען אַנגעגרייט אַ פּאָר „סענדוויטשעס" — דינער אין שאָפּ אַריין — מיטצונעמען.

שטיל איז אַרום — האַלבע נאַכט. ראָזע איז אַזוי ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ. איהרע געדאַנקען טראָגען זיך אַוועק ווייט, ווייט פון יענער זייט ים, צו איהר קליין ליטוויש שטעדטעלע. זי זעהט זיך אַ יונגע, אַ בליהענדע. איהר האַרץ שלאָגט מט די זיסע פרייךען פון לעבען און אונענדליכען גליק . . .

זי דערמאָהנט זיך ווי זי פּלעגט קומען צו דער פרישער לאָנקע לעבען געדיכטען וואַלד און דאָרט, שפּרינגענדיג איבער בערגלעך און טהאָלען, טרוימען וועגען אמת'ער האַרציגער ליעבע...

און אַט דאָ, אין דער גרויסער, ראַשיגער שטאָדט, וואו עלענדקייט קוקט אויף איהר פון יעדען ווינקעל, וואו די מורא פאַר דעם עקזיסטענץ פאַר מאָרגעדיגען טאָג דריקט זי אַזוי, אַט דאָ טאָג איין טאָג אויס אין יאָהר נאָך יאָהר שווינדען אין אומעט. זי ווערט עלטער און עלטער . . .

— ווער וועט איהר שפּעטער שענקען אויפמערקזאַמקייט, צערטליכקייט? . . .

— קיינער ניט! קיינער ניט! און אייביג וועט זי דאַרפען פערוואָגעלט ווערען אין שאָפּ . . .

—יא, זי וועט אננעהמען בערמאנ׳ס פארשלאג. זאל ער מייד־
נען, אז זי האט איהם ליעב, זאל ער זיין גענארט ! !
ביי דעם דאזיגען געאנק שוידערט זי אויף. — וואס ? ! זי
ראזע, וועט פארקויפען איהר לעבען אבי פטור צו ווערען פון שאפ?
— ניין ! פאר א באקוועהמע היים וועט זי איהר נשמה ניט פאר־
קויפען ! בעסער דער שאפ, די מאשין ווי צו נארען זיך און א
צווייטען פאר א ביסעלע ביליגען גליק . . .
אויף מארגען איז ראזע געזעסען אין שאפ א בלאסע א מיעדע,
מיט שווארצע פאסען אונטער איהרע אויגען צוויי איגבטינקטע
האבען געקעמפפט אין איהר און געריסען איהר הארץ... זי איז
אבער צופריעדען געווען און זאגאר גליקליך, וואס דער שעהנערער
אינסטינקט האט געזיעגט . . . זי האט זיך געבערעהט וואס זי וועט
בערמאנען ניט אפנארען און וועט אויך ניט פארקויפען איהר לע־
בען . . .

א לעגענדע

(א לעגענדע פון זיידען)

אויף א הויכען גרינעם בארג, לעבען די ברעגען פון ברויד־
זענדען ים, איז א שעהנער פאלאץ געשטאנען
דער אראמאט פון דופטענדע בלומען האט זיך אין דער בריי־
טער ווייטקייט געפיהלט. הויכע טאפאליען־בוימער האבען מאיעס־
טעטיש דעם שלאס ארומגערינגעלט, בויגענדיג זיך, ווי זיי וואל־
טען א הייליגען שבח צו גאט אפגעבען... צארט און מילד האט
די זון געווארעמט און בעגאסען מיט איהרע גאלדענע שטראהלען
די שעהנע אומגעבונג, אין דעם פאלאץ, בעציהרט מיט דער הערליכ־
שעהנע נאטור, האט א יונגער פרינץ געוואהנט.

און טרויעריג און מעלאַנכאָליש איז ער תמיד געווען.

מענשען געדענקען ניט ווען ער זאָל א מאָל א שמייכעל טהאָן.

פערטראַכט אין געדאַנקען טרויעריגע פלעגט דער יונגער פרינץ יעדען פריהמאָרגען לעבען שלאָס ארומשפּאַצירען, און איין מאָל אין א פריהלינגס־מאָרגען פאר זונען־אויפגאַנג, ווען נאַטור ערוואַכט און רופט צום קאַמף, ווען דער הימעל איז בלוי און דורכזיכטיג און ווען פויגעלעך בעגריסען אַלעם ארום מיט זייערע קלינגענדע שטימעלעך, איז אַן ארעמער אַלטער פאַרביי־געגאַנגען און דעם טרויעריגען פרינץ באַמערקט.

— יונגער בעגאַבטער פרינץ, האָט דער וואַנדערער אויסגערופען.

— ווי אזוי קענסטו טריעב זיין, ווען אַלעם ארום דיר איז אזוי פּראַכטפול שעהן, ווען אלעם ארום דיר דופטעט און רייצט ! ? ניט זעהסטו דען דעם „פּאַראַדיס", דעם צויבער פון דער רייב־קאַלירטער „פּאַנאָראַמאַ" ? פיהלסטו דען ניט די גנאָדע פון גאָט'ס גרויסקייט, וועמעס מאַכט האָט דאָס אַלעם געשאַפען ?

— נו, און דיין יוגענד ? האָסטו ניט קיין באַגערען צו געניסען פון דעם אַלעם, וואָס די נאַטור האָט פאר דיר פּאַרגרייט ? דער יונגער שיינער פרינץ האָט אויף דעם אַלטען א בליק געוואָרפען און נאָך נידעריגער זיין קאָפּ געזונקען...

— אָרעמער וואַנדערער, האָט דער פרינץ ענדליך אויסגערופען.

— ווי קען איך געניסען פון נאַטור'ס רייכטום און שעהנהייט ווען כ'זעה ווי גרויזאַם זי איז, ווען כ'ווייס, אַז מיט איהר כש'פדיגער מאַכט שאַפט זי אום זי זאָל נאָכהער אין איין אויגענבליק צושטערען קענען. — ווען כ'ווייס, אַז מיינע שטרעבונגען פערלאַנגען און אידעאַלען, מיינע אילוזיעס און פאַנטאַזיעס, מיין גאַנצער „איך", וועלכע איז פאר זיך אַליין א גאַנצע וועלט, מוז זיך ווען עס איז אין אַפּוסטקייט און א „ניט זיין" פערוואַנדלען.

דער פרינץ האָט א זיפץ געטהון, און ארויפלעגענדיג זיין צאַרטע האַנט אויפ'ן אַלטענס גראָהען קאָפּ, האָט ער פערגאַפּט

געפרעגט: — און ווי אזוי קענסטו, אלטינקער, פרייליך זיין און בעגייסטערן זיך פון אלעם און אלעמען, ווען דיך ערוואַרטעט עטוואס שרעקליכעס, שוידערליכעס, ווען דו האסט שוין באלד דיינע יאהרען אויסגעלעבט און ביזט שוין ווי צום טויט פאראורטיילט?

דער אלטער וואנדרער האט זיך אויסגעגלייכט און דרייסט גענימען צו ערקלעהרען. — ניט אלט בין איך, מיין פרינץ, איך ניט פאראורטהיילט צום טויט. יעדער נייער טאג שיינקט א נייעם לעבען דעם אלטען ווי דעם יונגען. — מיט יעדען נייעם טאג ווער איך ניי־געבארען און פיהל זיך יונג און לעבענס־לוסטיג. — און וואס קימערט מיך דען ווען כ׳וועל, ווי דו זאגסט, אין א „ניט זיין" זיך פערוואנדלען אויב נאך מיר וועט אלעם עקזיסטירען, זיך ענטוויקלען, און מענשען נאך מיר, וועלען געניסען און גליקליך זיין?...

דער לוסטיגער אלטער האט זיין וואנדער־זאק אויפ׳ן אקסעל אנגעטהון און פון דעם פרינץ אבשיעד גענומען.

אבער פרייליך איז שוין דער אלטער מעהר ניט געווען. דעם פרינץ׳ס ווערטער: — „דו ביזט פאראורטיילט צום טויט" האבען איהם ווי פערפאלגט און איינגעהילט זיין פריערליכען גייסט אין א פאנצער פון שווארצע וואלקענס...

אנדערש איז אבער געווען מיט דעם מורא׳שחורה׳דיגען פרינץ. פערגאפט פון דעם אלטענס לעבענס־לוסטיגקייט, איז ער לאנג לאנג אויפ׳ן פלאץ פערבליבען. ענדליך האט ער זיינע בלויע אויגען צום הימעל אויפגעהויבען און א זיסער שמייכעל האט זיך צום ערשטען מאל איבער זיין צארטען געזיכט צוגאסען, און א ליכטיגער שטראהל פון גליק, א דורשט־געפיהל פאר געניס האט ארומגעוועבט זיין טריבע נשמה...

ניטאָ קיין אייביגע ליעבע

(שטימונג)

„....ליעבע, אמת'ע שעהנע און ערהאבענע ליעבע, די ליעבע וועלכע לייטערט דעם מענשענס נשמה און הויבט איהם אויף העכער פונ'ם וואכענדיגען אלטעגליכען לעבען, ליעבע, פאר וועלכער מ'קען זיך פרייוויליג אפפערען איינער פאר דעם צווייטען, אזא ליעבע איז אן אייביגע, אן אויסגעהאלטענע און שטארבט נאר דאן אפ, ווען די פארליעבטע פאר לאזען זייער לעצטען לעבענס-אטהעם ארויס....“

אזוי פלעגט די בייגקענדע און סענטימענטאלע סאפי דיס-קוטירען; אין דעם קרייז פון איהרע פריינד וועלכע האבען זיך באַ-מיהט איהר צו פארשטעהן געבען, אז אזא ליעבע, פון וועלכער זי פאנטאזירט און טרוימט, געפינט מען נאר אין די ראמאנען און אז אין ווירקליכען לעבען — איז די ליעבע איינער פון די שוואכע עלע-מענטען, וואס ווערט פערשוואונדען ווי א חלום ביי אן ערוואַ-כענדען...

סאפי איז אבער געווען שטארק אין איהר מיינונג וועגען ליעבע.

— די ליעבע, וועלכע ווערט פארניכטעט, — האט זי היציג פראטעסטירט, איז א ליעבע א ביליגע, א ליידענשאפטליכע, זי ענטהאלט ניט אין זיך קיין שום פאעזיע, קיין עסטעטיקע. — זי

האט קיין באדעז ניט און פארשאפט נאר ליידען דער מענשהייט. — יענע ליעבע אבער, וועלכע זי פארשטעהט און פארגעטערט זאגאר, ברייננט גליק און צופריעדענהייט.

און ווירקליך, ווען סאפי האט זיך אין באריסען פארליעבט אין זי איבערפיהלט פון גליק געווען. — ס'האט זיך איהר געדאכט, אז די זון לייכט און שיינט העלער און מילדער ווי אלע מאל, אז די בלימען דופטען פרעכטיגער און די פויגעלעך בעגריסען זי, דריי־ענדיג זיך אין זייער פאנטאסטישען „חאראוואד", און ווען סאפי האט איהר ערשטע קינד געבוירען איז איהר גליק נאך שטארקער און מעכטיגער געווארען: איהר באריס איז א פאטער געווארען און האט אין איהרע אויגען נאך שעהנער און רייצענדער אויס־געזעהען...

זעלטען ווען האט מען די אלע מאל געזעלשאפטליכע סאפי ערגיץ באגעגענט. האבען באקאנטע פארווירפע דערפאר געמאכט האט זי זיך ווי געבעטען ביי זיי. — לאזט מיך זיך זעטיגען מיט מיין גליק, מיך ציהט ניט אין ערגיץ, ווייל מיין היים גיט מיר אין א פולער מאס מיינע גייסטיגע פערגעניגען...

אבער אין א צייט ארום, האט זיך די גליקליכע סאפי אנגע־פאנגען פיהלען לאנגווייליג. — ס'איז ניט אינטערעסאנט צו זיצען אין הויז מיט דער פאמיליע און אבהיטען די היימישע וואכענדיגע אינטערעסען, — האט זי געטראכט. — כ'מוז ווייטער געזעלשאפט־ליך ווערען אום מיין לעבען זאל ווערען לעבעדיגער און אינטערע־סאנטער, — האט זי בעשלאסען.

און אזוי פלעגט סאפי אויסניצען יעדע געלעגענהייט פון הויז אוועק געהן אום גייע און פרישע איינדריקע צו קריגען.

און ווען זי האט אז אינטערעסאנטען באקענטען באגעגענט האט זי א „פאראלעל" צווישען איהם און איהר באריסען געמאכט: און ווען האט איהר געטהון ווען דער ערשטער איז אינטערעסאנטער געווען, ווייל געוואונשט האט זי זיך, אז די אלע גרויסע און שעהנע מעלות, וועלכע זי אנערקענט אין אנדערע פערזאנען זאל גאר

איהר בארים באזיצעז, אום זי זאל איהם שטארקער ליעבען קענען.
— איז דאס מעגליך, אז מיין הייסע ליעבע צו באריסען איז שוואכער געווארען? —האט זיך א מאל סאפי געפרעגט, גריבלענדיג זיך אין דער טיפעניש פון איהר נשמה און זוכענדיג דעם אמת... באלד אבער האט זי זיך געכאפט, אז זי דארף דאס ניט טהון, אז ניט דעם ביטערען אמת זוכען דארף זי, נאר פרופען צו בענייען די עטוואס פערוועלקטע ליעבע צווישען איהר און באריסען—די ליעבע איז, א דאנק געוויסע אומשטענדען, פארשוואונדען געווארען, האט סאפי בעדויערענד געטראכט, — אבער זי מוז צוריק אויפבליהען און וועט אויפבליהען, — האט זי אויסגערופען, ווערענדיג ענטוזיאסטיש, און מיט א נייער קראפט פון באנייטע געפיהלען, האט סאפי איהרע ארעמס אויסגעשטרעקט אום איהר באריסען צו עמפאנגען. אבער איהר ליעבע צו באריסען, וועלכע פלעגט ארומכאפען אהיר גאנצען וועזען, איהר גאנצע אינערליכע וועלט, איז ביסלעכוויים ענטרינען געווארען, איבערלאזענדיג אונטער זיך בלויז די זיסע ערינערונגען פון אן אנגענעהמענעם חלום...

די פאנטאזירענדע סאפי אבער קען בויען — זי האט צוזאמען גענומען אי די זיסע עראינערונגען, אי די צויבער קראפט מיט וועלכער איהר בארים האט זי אין אנפאנג בעהערשט, און די אלע גוטע און אנגענעהמענע מאמענטען, וועלכע זי האט דורכגעלעבט צוזאמען מיט איהם, און פון דיזע אלע א ב פ א ל ע ן , האט זי זיך א גאנצעס אויסגעוועבט.

און אט אין דיזען צוזאמענגעשטעלטען נעץ וועבט סאפי א באדען פאר דעם פאמיליען-גליק...

און אבוואהל זי פיהלט איהר באריסען פאר א פריינד, א חבר, דאך איז איהר לעבען א טרויעריגער א גראהער ווי א נעבעלדיגער טאג אין הערבסט...

סאפי איז נאך פול מיט ענערגי און לעבען. —זי דורשט נאך די ווארעמע שטראהלען פון ליעבע, וועלכע מאכען דאס הארץ אזוי לעבהאפט, דעם געדאנק טרוימעריש...

אבער נאך א מאל ליעבען וועט שוין ניט סאפיע. — ניט וועה טהון וועט זי איהר באריסען, איהר קינד... און צו וואס? — פרעגט זי זיך. צו וואס זיך פארליעבען, פרייליאזען די געפיהלען, אויב די ליעבע איז נאר אן איבערגאנג פון ליכט צו שאטען?... און אזוי שוועבט סאפי ארום און ארום אונרוהיג א פארטראכטע מיט ליפען וואס מורמלען: — יא, מיינע פריינד זיינען געוועזן גערעכט אין דער דעבאטע.—ניטא, ניטא קיין אייביגע ליעבע!...

זי האט פיינט צו בערעדען

(מאנאלאג)

„א גוט מארגען אייך, מרס. ראזענפעלד. האט איהר געזעהן, איך געה גלייך און קלאפ אפילו ניט אין טהיר: איך לויף שנעל, וויל מיין קינד זיצט דארט אליין אויף דעם „האי־טשער". — יא, נאך וואס בין איך דאס צו אייך ארייגעקומען? לייהען דאס זאלץ־ברעטעל, דאכט זיך. האט איהר געהערט, וואס עס קען זיך טרעפען? ערשט ניט לאנג אז איך האב געקויפט א זאלץ־ברעטעל. נו, נו, פרעגט שוין נישט, האט עס די מיסעס גריצמאן ביי מיר געליהען און ארויסגעמופט צוזאמען מיט'ן זאלץ־ברעטעל, און געה זוך זי!...

„איך זאל זיצען זאגט איהר? וואס רעדט איהר? גאט זאל זיין מיט אייך. מיין קינד וועט נאך ארונטערפאלען. וועה איז מיר פאר דעם קינד'ס ביינדעלעך. ס'האט אזוי אויך א גאנצע נאכט גע־וויינט, וויזט אויס ס'מאכט נעבעך ציינדלעך...

„אוי, מיסעס ראַזענפעלד! איך בין דאָך ניט דער מענש יענעם צו בערײדען, נאָר ווי זאָגט מען עס, שווייגען קען מען נישט. האָט איהר בעגעגענט אַזאַ פּריצה'טע, ווי די מיסעס פלאַקסער? וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַז מען זאָל האַלטען אַ „פּעטענט" פון אַ טהיר שטענדיג פאַרהאַקט? — מען איז דאָך נאָר אַ לעבעדיגער מענש, ס'ווילט זיך אַמאָל אַ וואָרט אויסריידען . . . איך בײן! ס'שטעהט איהר ניט אָן אונזער „קאָמפּאַניע". מיסעס ראַזענפעלד קרויז, חאַ, חאַ, חאַ! ניטאָ ווער עס זאָל לאַכען! געפעהרליך ווער זי איז דאַרטען . . . אין גראָסערי סטאָר קוקט מען זי ניט אָן, מען טראָגט איהר ארויף די „אָרדערס" אין הויז אריין. קיין בוטשער דאַרף זי גאָר אין גאַנצען ניט: זיי עסען ביי איהר קיינער ניט קיין פלייש, פיש אפילו „סעמען" נוצט זי אויך ניט. וועגע... וועגע... וועגע... טראַיאַנער... רופען זיי זיך. פון לעבעדיגע זאַכען ווילען זיי ניט עסען... זאָלסט מיר אַפּהיטען, „טאַטע זיסער", פון אַזאַ אומה... ס'איז דאָך ניט מיינע „ביזנעס", נאָר זאָגט מיר, געזונד זאָלט איהר מיר זיין, וואָס קאָכט מען, אַז ניט קיין פלייש? איך וויים, אַז ס'קומט מיר אַמאָל אויס צו פּראָווען אַ מילכיגען „דינער". ווער איך פאַרפאַלען מיט דער אַרבייט. איך זאָג אייך, מיסעס ראַזענפעלד, אַז אַם ביליגסטע איז נאָר אַ שטיקעל פלייש...

„נו, נו, עפּעס אַ נדר האָט זי זיך געמוזט טהאָן, צו וואָס.... און איך זאָג אַז „ניע גאַנוואַ און ניע פּאַסטאַ"... איך אליין זעה איהר קומען זעהר שפּעט אהיין, — בע! פון לעקטשורס, זאָגט מען, קומט זי, אבער היינטיגע צייטען קען מען גאָר ניט וויסען פון וואַנען מען קומט.. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד . . . וואָס? זי איז אַ פיינע „טעלעגענטע" פרוי, זאָגט איהר, און איך דאַרף זי ניט באַריידען? — וועה איז צו מיר, מיסעס ראַזענפעלד! איהר האָט מיך שוין געהערט ריידען אויף עמיצען? און ווער זאָגט דען עפּעס חלילה אויף מיסעס פלאַקסער? איך האָב עפּעס צו איהר? גאָר ניט, ס'איז צו רייד געקומען, זאָג איך דאַרטען . . . אבער ווייטער—אַ גאָלדענע הארץ—ניט איינמאָל קומט מיר אויס צו לייהען ביי איהר עטליכע שטיקלעך צוקער, אַ פּאָר ציבעלעס און

טאקע „טשענזש" אויך אמאל, נו? טראגט זי מיר ניט אנטקעגנען?

„וואס?! עפעס א געוויין, זאגט איהר? אוי, א בראך איז צו מיר! דער מאמען פאר דיינע ביינער! מיין קינד, געוואלט! מיין קינד איז ארונטערגעפאלען! !